START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT
IMAGING

Kodak

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1878.1

Latayner, Yosef.
Yosef in Egipten : historishe operette in 5 akten un 8 bilder.
Pshemishl, 1913.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1878.1

Latayner, Yosef, 1853-1935.
Yosef in Egipten : historishe operette in 5 akten un 8 bilder.
Pshemishl : Amkroyt et fraynd, 1913.
44 p. 21 cm.

1. Joseph (Son of Jacob)--Drama. 2. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Przemysl

ID: NXYH02-B1918 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /106137

Reduction ratio X 10.0

יוסף אין עגיפטען

אהיסטא רישע אפרעטע אין 4 אקטען

פון

יאזעף לאטיינער

AMKRAUT & FREUND
Buchhandlung
PRZEMYŚL
1913.
דרוק קנאללער עט זאהן פשעמישל

166/37

יוסף אין עגיפטען

היסטארישע אפערעטע אין 5 אקטען
אין 8 בילדער מוזיק פון סאנדלער.

פון

י. לאטיינער

פערלאג פון

אמקרויט עט פריינד, בוכהאנדלונג, פשעמישל.

1913

Theater-Katalog AMKRAUT & FREUND, Buchhandlung, Przemyśl

נייעסטער

טהעאטער־קאטאלאג

פון אמקרויט עט פריינד פשעמישל.

יעקב גארדין'ס דראמען.

	K h
אלישע בן אבויה	— 70
גאט, מענש און טייפעל	— 70
געברידער לוריא	— 70
דער אמת	-- 70
דער מטורף	— 70
די שעהנע מרים	— 70
דער שארלאטאן	— 70
דוד'ל משורר	— 70
די שבועה	— 75
די שחיטהן	— 70
דער ווילדער מענש	-- 70
דבורה'לע מיוחסת	— 70
די אמת'ע קראפט	1 —
דער אונבעקאנטער	— 70
האשע די יתומה	— 70
יודישער קעניג ליער	— 70
מיערעלע אפרת	— 90
קרייצער סאנאטע אמעריקאנישע אוסגאבע	1 —

שלום אש'ס דראמען.

	K h
גאט פון נקמה	— 90
משיח'ס צייטען	— 90
אמנון ותמר	— 75
מיט'ן שטראם	— 60
אים ווינטער	— 45
דער זינדיגער	— 45
דער לאנדסמאן	1 —
שבתי צבי	1 —

פרץ הירשביין'ס דראמען

	K h
איינזאמע וועלטען	— 30
אין דער פינסטער	— 15
דער אינטעליגענט	— 50
דער תקיעת כף	— 70
די נבלה	— 40
די ערד	— 70
ווייטע און נאהנטע	— 35
יואל	1 —
קברים בלומען	— 60

יאזעף לאטיינער'ס דראמען

	K h
יודאלע דער בלינדער	
אדער אמת ושקר	— 70
עזרא דער עוויגער יודע	— 70
די סדר נאכט	— 70
בת שבע	— 70
יוסף אין עגיפטען	— 70
על נהרות בבל	— 70
דוד'ס פידאלע	— 60
ב׳ ימה'לע	— 60
חרבן ירושלים	— 70
הינקע פינקע	— 70
מישקע מאשקע	— 70
שרה שיינדעל	— 70
מאמאן דער געלדגאט	-- 60
שלמה גארנעל	— 70
דאס יודישע הערץ	— 75

הענריק איבסען'ס דראמען

	K h
די גייסטער	— 90
די פרוי פון ים	1 —
נארא, איבערזעצט פון י. ווינטשעבסקי	1 —
העדדא גאבלער, איבערזעצט פון א. ים	1 —
דער בוימייסטער, איבערזעצט פון א. גאלדוויין	1 —
ראזמערסהאלם, איבערזעצט פון א. גאלדוויין	1 —
דער קליינע עאלף, איבערזעצט פון ק. טעפער	1 —

י. ל. פרץ'ס דראמען

	K h
אין פאליש אויפ'ן קייט	— 90
ביינא נאכט אויפ'ן אלטען מארק	1 —
דיא גאלדענע קייט	— 90
שאמפאניער	— 25

יוסף
אין עגיפטען

היסטארישע אפערעטטע און 5 אקטען
אין 8 בילדער מוזיק פון סאנדלער.

פון

י. לאטיינער

פערלאג פון

אמקרויט עט פריינד, בוכהאנדלונג, פשעמישל.

1913

די פּערזאָנען:

יעקב	:	
ראובן	:	
שמעון	:	
לוי	:	
יהודה	:	
יששכר	:	
זבולון	:	
דן	:	זײַנע קינדער
נפתלי	:	
גד	:	
אשר	:	
יוסף	:	
בנימין	:	
סרח	:	אָשר׳ס טאָכטער
יחצאל	:	יהודה׳ס דינער
אליחלף	:	עלסטער פון די מדינים
פרעה	:	קעניג פון מצרים
זליכה	:	
מרד	:	שר המשקים

פאַסטוכער, פאָלק, מיליטער.

ערשטער אקט.

(א וואלד יעקב׳ס קינדער, הינטער זיי פאסטיכער זינגען)

כאר (מענער): מיר פאַסטיכער פיהרען אַ שעהנעס לעבען
לוסטיג מונטער אימער איז אונזער געצעלט
פרעהליך שפּאַצירען מיר, מיר שוועבען
מיט אונזערע שעפּעלעך אויף דעם פעלד.

ראמען: דער שטאָדטסמאַן איז נאָר אַלע מאָל צוטראָגען
זײַן לעבען איז בײַ איהם נור געלד
קײַן מאָל צו פריעדען ער מעג ווי פיעל פערמאָגען
אין פיעל קומער און זאָרגען לעבט ער אָב זײַן וועלט.

מענער: אָבער אונזער לעבען איז פול גליק,
מיר זענען אימער צופריעדענגעשטעלט
ווי פיעל מיר פאַרמעגען איז פאַר אונז גענוג
מיט אונזערע שעפּעלעך אויף דעם פעלד
מיר פאַסטיכער פיהרען א. ז. וו.

טענערע: יעצט לאָמיר ליעבע ברידער געבען אַלע אַ שבח
דעם ליעבען גאָט אין הימעל וואָס האָט אונז ערנעהרט
זאַט געגעסען און געטרונקען האָבען מיר אַסך.
געלויבט ביזטו גאָט וואָס דו האָסט אונז אַלעם בעשעהרט
ווײַל נור דו, נור דו אַלײַן
ערנעהרסט פון גרויס ביז קלײַן
שפּײַזט אַיעדען אויף דער וועלט
מיט אונזערע שעפּלאַך אויף דעם פעלד
מיר פאַסטיכער פיהרען א. ז. וו.

(עס ווערט אנגעשריי הינטער די קולישען, יאחצאל ערשיינט)

יהודה: וואָס איז דאָרט פאַר אַ געשרײַ?
יאחצאל: אַ טיגער!
יהודה: נו, איז אַרײַן צווישען די שאָף?
יאחצאל: דערווײַל נאָך ניט. מיר האָבען איהם דערזעהן פון דער ווײַטען וואַרפען אײַנעלעך האָבען מיר אָנגעהויבען שרײַען.
יהודה: אָ דומקעפּ, וואָס איהר זענט אַלע! איך האָב געמײַנט אַז דער גאַנצער באַרג האָט זיך אין בעוועגונג געזעצט און דער גאַנצער וואַלד מיט זײַנע ווילדע חיות האָבען זיך אַהער געלאָזען.

לוי: קומט ברידער!

יהודה: שטעהט ברידער! איך וועל אליין קעגען דעם טיגער בע־שטע. קום יאחצאל ווייז מיר וואו איז דאס קעצעלע

(ביידע אב)

ראובן: ברידער! אפשר וועט יהודה'ן זיין שווער דעם טיגער אליין ביי צו קומען זאלען מיר פיעלייכט איהם געהן צו הילף?

שמעון: זארג ניט ברודער ראובן! ביי יהודה'ן שפיעלט אקליינע ראלע אפילו א גאנץ דוצענד טיגערס, איבערהויפט נאך איינער!

לוי: שמעון האט רעכט! מיט יהודה'ן האבען מיר גאנץ ווייניג וואס צו זארגען, אה נישט אזוי אפט זעהט מען אזא העלד ווי יהודה איז. זעהט איהר מיינע ברידער ווען דער פאטער זאל זיין אין מיין מיינונג, וואלט יהודה געברויכט זיין דער ליבלינג פון אלע זיינע קינדער, ער האט יא פערדינט צו טראגען א זיידען העמדעל אבער נישט דער חונף יוסף.

שמעון: ווי קענסטו דאס בעהויפטען, ברודער לוי? איז דען יהודה אים שטאנד צו קומען צום פאטער מיט זא פיעל אויס־געטראכטע נארישע ליגענס ווי יוסף? איז דען יהודה אים שטאנד צו קומען צום פאטער און זיך פארשטעלען פאר אזא פרומען ווי יוסף? איז דען יהודה אים שטאנד צו אויסטראכטען אזעלכע נארישע חלומות און דעם פאטער דעם קאפ צו פערדרעהען, ווי יוסף?

ראובן: שמעון און לוי מיינע ברידער! הערט אויף מיט אייערע בייזע רייד, איהר פערזינדיגט אייך דאמיט קעגען גאט. יוסף איז גאר ניט אזוי שלעכט ווי איהר זאגט! ער איז נישט מעהר ווי א ביסעל קינדיש אז א חלום איז ביי איהם א גאנצע פרייד און ער מוז איהר פאר די גאנצע וועלט דערצעהלען. מיר מוזען איהם פערצייהען ווייל ער איז נישט מעהר ווי א קינד מיט א 17 יעהריגען פערשטאנד, וואס ווייסט ער? און דאס וואס דער פאטער האט איהם ליעבער פאר אלעמען, וואס האט ער שולד דאבייא? זיין מוטער רחל האט איהם דאך מעהר ניט איבערגעלאזט ווי איהם און בנימין.

שמעון: פערצייהע מיר ברודער ראובן, ווען איך וועל דיר זאגען אז דו האסט אונרעכט. דאס וואס דער פאטער האט יוסף'ן ליעבער פון אלעמען איז ניט דורך עטוואס אנדערש ווי דורך זיין חניפה און פעהיגקייט דעם פאטער צו בעשווינדלען און צו בע־טריגען. האט מען נאך געהערט אין דער גאנצען וועלט אז מען זאל אייגענע ברידער אזוי פערמסרן ווי ער אונז? דעם קלענסטען פעהלער וואס ער זעהט פון אונז דערצעהלט ער גלייך דעם פאטער און לייגט נאך צו טויזענדער ליגענס. נאטירליך מוז ער ביי איהם הייסען דער

פרומסטער און דער בעסטער, און אויסער די אלע זאכען האט ער גאר אנגעפ...ען מיט חלומות א גאנצען האנדעל צו טרייבען. דער בעל החלומות איז ביי איהם געווארען א הויז־פריינד און ברענגט איהם יעדע נאכט פרישע סחורה. הערט א איינפאל פון א אינגעל, ער קומט צום פאטער און ערצעהלט איהם אז עס האט זיך איהם גע־חלומט, אז מיר אלע זענען אין פעלד און בינדען גארבען, זענען אונזערע גארבען אויפגעשטאנען און זיך געבוקט צו זיינע. מיט דעם וויל ער זאגען אז דער בעל החלומות האט איהם געגעבען אנצוהערען, אז עס וועט קומען א צייט ווען מיר אלע וועלען זיך פאר איהם בוקען. דער פאטער נאטירליך האט בעמערקט אונזערע צארניגע געזיכטער האט ער זיך אויף איהם אנגעבייזערט. דאפיר איז ער מיט א קורצע צייט צוריקגעקומען צום פאטער מיט א פריש געבאקענעם ליגען, אז די זוהן און די לבנה און 11 שטערען האבען זיך פאר איהם געבוקט פונקט אזוי פיעל האט ער אבגעצעהלט ניט מעהר און ניט ווייניגער. ווייסט איהר פאר וואס 11? ווייל אזוי פיעל ברידער זענען מיר אויסער איהם. נו פרעג איך אייך מיינע ברידער, איז עס ניט אפרעכהייט ווען אזוי איינער בילדעט זיך איין אונזער קעניג צו זיין? מיר העלדען, וואס מאכען די גאנצע וועלט ציטערען פאר אונז, זאלען מיר געצוואונגען זיין צו ליידען פון אזא ניכטס? נו! פערדינט אזוי איינער אונזער א ברודער צו זיין? ניין! ווען איין גליעד פון איין קערפער ווערט פערדארבען דארף צוליעב דעם פערדארבענעם גליעד דער גאנצע קערפער ניט ליידען דאס פערדארבענע גליעד מוז אויסגעשניטען ווערען און דער גאנצער קערפער מוז בלייבען פריש און געזונד ווי געוועזען. ווי איז אייער מיינונג ברידער?

אלע: געוויס האט שמעון רעכט!

ראובן: אבער אום גאטעס ווילען מיינע ברידער! ווילט איהר דען אטארד דערגעהן?!

שמעון: דו, ראובן, זוכסט אלע מאל צו פערטיידיגען איהם אויב וואהל אין הארצען ביזטו איהם דער זעלבער פיינד וואס מיר, נור אלס עלשטער ברודער ווילסטו ניט זיין געמישט אין דער זאך. פון מיינעט וועגען קענסטו בלייבען גלייכגילטיג. אבער נישט אונזער געגנער צו זיין.

ראובן: (אפארט) גאט גיב מיר קראפט איהם צו רעטען.

(עס ווערט אגעשריי, יהודה יחצאל מיט א טיגער קומען)

כאר: זעהט נור אהעלדענטהאט ווי שעהן ער אליין, גאנץ אליין האט געטוידט דעם טיגער. } בים

יהודה: אזוי ליעג דו בעזעס ווילדער טהיר אוים געשטרעקט האט ער זיך אויף דער ערד

אויסגעשטרעקט אויסגעשטרעקט אויף דער ערד.

כאר: בראַוואָ! בראַוואָ! בראַוואָ! יהודה!

יהודה: ווייט איז ער שוין ניט מעהר געוועזען
אויף די שעפעלעך וואר ער שוין בערייט
צו רעטען די אָרעמע שעפעלעך
בלייבט מיר ווענינ צייט
האַ האַ האַ אַזוי מיין ליעבער קום נור מיר ענטקעגען
איין שטויס נאַ דיר מיט מיין דעגען
איין שטויס איז ער שוין געוועזען טוידט.

כאר: בראַוואָ! בראַוואָ! בראַוואָ! יהודה!!
אַזוי ליעג דו בעזעס ווילדער... א. ז. וו.

ראובן: איך מיין יהודה דער טיגער האָט דיר אַביסעל אָנגעמאַטערט.

יהודה: אָה זעהר וועניג, איין איינציגער שפרונג און איך בין מיט איהם פאַרטיג געוואָרען.

יחצאל: איך האָב פריהער געוואוסט אַז מיר וועלען מיט איהם קיין סך אַרבייט ניט האָבען.

שמעון: מיין אָרעם קעצעלע עס האָט זיך דיר פערגלוסט אַשעפעלע?

לוי: יהודה, דו האָסט איהם נעביך דעם גאַנצען אַפעטיט פערדאָרבען.

יחצאל: אַמצוה אויף איהם! האָט ער נישט געזאָלט אַזוי גלאָצען מיט די איינגעלאַך.

יהודה: ברידער, איך דענק אַז מיר וועלען באַלד פון אַגרויס געוויטער איבעראַשט ווערען. וואָלט מיין עצה געוועזען דאָס מיר זאָלען אונזערע שאָף איבערשיקען נאָך דותן. ערשטענס איז דאָרט דער פלאַץ גענוג גרויס און פעט אום אונזערע שאָף צו פיטערן און דאָ זענען מיר שטענדיג נישט זיכער פון ווילדע חיות.

לוי: יהודה האָט רעכט קומט נאָך דותן!

יהודה: הער, דינער! נעהם צו זאַמען די שאָף און געהט נאָך דותן, און דו יחצאל זאָלסט מיר דאָס פון דאַנען אַוועק שאַפען און די פעל ברענגען אַ היים. קומט ברידער!

כאר: שאַרף איז אונזער שווערד
ווען ווילדע בייזע טהירע
בעווייזען זייער גבורה
פיהלען זיי אונזער שווערד
און אויך ביים שטאַרקען קריעגער
מיר בלייבען שטענדיג זיעגער
איבער פיינדע פיעל
מיר קענען געגען זיי בעשטעהן (אלע אב).

יחצאל: אַשעהן שטיקעל אַרבייט האָט ער מיר דאָ איבער געלאָזט, אַז ביי איהם איז עס אַקעצעל מיינט ער אַז עס איז ביי יעדען אַזוי. איך וואָלט מיר בעסער אונטער־גענומען מיט 10 קאָטערס מלחמה צו האַלטען. אייד ער מיט איינם אַזאַ קעצעלע. נו וואָס טהוט מען יעצט? זאָל איך זיך ניט וויסענדיג מאַכען און לאָזען עס דאָ ליעגען, קען מיר יהודה אָנקלאַפען אַבראַוואָ אויף די פלייצעס אַז עס זאָל שוין אויף זיי קיין גראָז ניט וואַקסען. וואָס זשע דען טהוט מען? איך וועל געהן אַהער־רופען אַ פאָר פאַסטובער זיי זאָלען מיר העלפען איהם צונעהמען. דער ווייל אַריע מיין שעהן טיגערל! טאָמער פערשמעקט זיך דיר אַשעפעלע זאָלסטו זיך דערמאָנען אָן יהודה און אָן מיר. שאַדט ניט קענסט זיך דערמאָנען אָן מיר אַליין אויך. דערווייל ליעג דאָ ביז איך וועל קומען (אב מוזיק שפילט. יוסף ערשיינט).

יוסף: שטיל איז איבעראַל קיין מענשען ניט צו זעהן, וואו זאָלען מיינע ברידער זיין? דער פאָטער האָט מיר געשיקט זעהן וואָס זיי זאַמען זיך היינט לענגער ווי אַלע מאָל. אָבער וואָס זאָל מיט זיי געשעהען? אויף דעם פלאַץ פלעג איך זיי אַלע מאָל טרעפען און יעצט זעה איך קיינעם ניט. זאָל איך פיליכט האָבען דעם ריכטיגען וועג פערלוירען?.. אַך, עפעס שרעקט מיך זעהר מיין הערץ, עס קומט מיר פאָר ווי מיין לעבען שטעהט אין געפאַהר... נאָך ניע האָט זיך מיין הערץ אַזוי געשראָקען ווי איצט... נור בין איך דען ניט אַנאַר? איך מאַך מיך אַליין שרעק אָהן אַסבה. קען מיר דען עפעס שלעכטעס געשעהן ווען איך געה דורך מיין פאָטערס בעפעהל?! זיין תורה איז מיר אַלעמאָל אויף מיינע ליפען אַטרייסט אין דער נויטה, מוטה אין געפאַהר! (זינגט)

נעה בעפעהלט גאָט די נשמה
ווען ער שיקט זי אויף דער וועלט אַראָב.
נעה, זאָגט ער איהר — מיט פריידע
דאָרט וואַרט ביז איך נעהם דיך אָב
און ווען דיר וועט שלעכט זיין דאָרט
פערצווייפעל ניט מיין קינד
געדענק נור גוט דאָס וואָרט
וואָס איך גיעב דיר מיט אַצינד
אל רחום, אל רחום, אל רחום איז מיין נאָמען } בים
פערגעס דאָס ניט

(יחצאל ערשיינט מיט דינער).

יאחצאל: קומט! נעהמט איהם! דאָ ליעגט ער! אַ יוסף! דרעהסט זיך דאָ אַליין אַרום?

יוסף: יחצאל! ווייסט ניט וואו מיינע ברידער זענען?

יחצאל: דײַנע ברידער זענען אַװעק מיט דעם װעג און מיט דעם װעג װעלען זײ באַלד צוריק קומען.

יוסף: זאָגסטו אַז איך װעל גײען מיט דעם װעג װעל איך זײ געפינען?

יחצאל: יאָ! נור גיעב אַכטונג, עס דרעהען זיך דאָ אַרום קעץ!

יוסף: קעץ?

יחצאל: יאָ, אַזוי הײסען זײ בײַ דײַן ברודער יהודה װילסט זעהן אײנעם?

יוסף: יאָ!

יחצאל: אַט קוק איהם אָן!

יוסף: אַטיגער!

יחצאל: יאַ אַטיגער, איך און יהודה האָבען מיר איהם געכאַפּט.

יוסף: דו און יהודה?!

יחצאל: געװיס! איך האָב איהם דערזעהן האָב איך אָנגעהױבען שרײַען און יהודה האָט איהם געכאַפּט.

יוסף: אָ יחצאל, ביסט אַגאַנצער העלד געװאָרען!

יחצאל: געװיס! צװישען העלדען װערט מען אַלײַן אויך אַ העלד!

יוסף: זאָגסטו אַז איך װעל גײען מיט דעם װעג װעל איך טרעפען מײַנע ברידער! (אב)

יחצאל: יאָ, נור טאָמער מאַכט זיך דיר עפּעס אַבעגעגעניש זאָלסטו רופען מיך און יהודה. נישקשה מעגסט רופען מיך אַלײַן אויך עס מאַכט נישט אויס! נו װאָס שטעהט איהר? נעהמט עס און טראָגט עס אַװעק, איז עס ניט אַשאַנדע מען זאָל זיך פּלאָגען מיט אַזאַ נאַריש קעצעלע? װאָס װאָלט איהר טהון װען ער זאָל שטײַהן אַזוי גענגען איך און גלאַנצען מיט די אײגעלאַך און קריצען מיט די צײן, װי אַנטקעגען מיר און יהודה? נו נעהמט עס שוין צו! (אלע נעהמען עס און טראגען אוועק אב די ברידער קומען אן).

ראובן: ברידער! איך דענק אַז מיר זאָלען געהען אַהײם, דען דער פאַטער מוז שוין װעגען אונז שטאַרק בעזאָרגט זײַן.

לוי: קומט ברידער!

שמעון: (קוקענדיג הינטער די קוליסען) הידד, יחי המלך!

ראובן: װאָס איז מיט דיר שמעון? מיט װעמען רעדסטו דאָרט?

שמעון: זעהט נור מײַנע ברידער, אויף אַזאַ גרױסען גאַסט האָבען מיר זיך גאָר נישט גערעכט!

לוי: אָה יוסף דער בעל החלומות! דאָס ציטעריגע קינד מיט'ן זײַדען העמדעל!

שמעון: װאו איז דײַן רעספּעקט, לוי! דו האָסט גאָר פערגעסען אַז ער איז אונזער צוקונפטיגער קעניג? אויס לויטער גוטהערציגקײט האָט ער זיך אַראָב געלאָזט אונז אַװיזיט אַבצושטאַטען.

לוי: אַזאַ קעניג מעג מען דעם קאָפּ אַרונטער נעהמען.

ראובן: שװײַג אונבעזאָנענער! װאָס רעדסטו!

שמעון: שטעה אונז ניט אין װעג, ראובן, מיר מוזען פון די שלאַנג פּטור װערען.

ראובן: איז יוסף בײַ דיר אַ שלאַנג? דו פערגעסט אַז דו װעסט ניט נור אַ ברודער=מערדער זײַן, זאָנדערן אויך אַ פאָטער=מערדער!

שמעון: און װער האָט דיך פאַר אונזער מוסר=זאָגער געמאַכט? װען מיר הײסען בײַ דיר מערדער, אַזוי טײל זיך אָב פון אונז.

ראובן: און איך שװער בײַ גאָט, זאָ לאַנג איך לעב זאָל קײן בלוט פערגאָסען װערען!

שמעון: מיט װאָס פאַר אַ רעכט געהסטו אײנער געגען אונז אַלע?

ראובן: װײַל איך בין אײער עלסטער ברודער

יהודה: ברידער אום גאָטעס װילען נור קײן שטרײַטיגקײטען צװישען אונז! דו האָסט אַפילו רעכט ברודער דאָס קײן בלוט דאַרף פערגאָסען װערען, ער איז דאָך אונזער ברודער. אָבער דו דאַרפסט ניט פערגעסען אַז עס איז שוין פון איהם מעהר ניט צו ער=טראָגען. זײַן בענעהמען זיך קעגען אונז איז אונערטרעגליך. נײַן מיר קענען איהם װײַטער ניט לאָזען פיהרען אַזעלכע װעלטען. אײן שריט מוז געמאַכט װערען װי איהם אונשעדליך צו מאַכען.

ראובן: אָה גאָט! גיעב מיר קראַפט איהם צו רעטען!

יהודה: יאָ אַלס עלסטער ברודער גיעב דו אונז אַראַטה װאָס זאָלען מיר מיט איהם טהון?

ראובן: קײן אַנדערען ראַטה האָב איך ניט, הערט מיך אויס מײַנע ברידער, בעסער זאָלען מיר איהם אַרײַנװאַרפען אין אײנעם פון די טיעפע גריבער אונבעקימערט װאָס פון איהם װעט װײַטער װערען, און אונזערע הענד װעלען װעניגסטענס זײַן רײַן פון בלוט.

יהודה: דער פלאַן איז פאָרטרעפליך

ראובן: (אפּארט) יעצט האָב איך נאָך אַהאָפנונג איהם צו רעטען און צום פאַטער צוברענגען.

שמעון: רוהיג מײַנע ברידער! זײַנע מאַיעסטעט קומט!

(יוסף ערשיינט)

יוסף: פֿריעדען צו אייך מײַנע ליעבע ברידער!

שמעון: פֿריעדען צו דיר אונזער וועלט בעריהמטער קעניג! דײַנע אונטערטעניגסטע שקלאַפֿען האָבען שוין ערוואַרטעט דײַן קעניגליכע האָהײט.

יוסף: וואָס זאָלען בעדײַטען דײַנע רייד?

לוי: דאָס בעדײַט גאַנץ אײַנפֿאַך. אַזוי ווי מיר האָבען דיך אַנער־קענט אַלס אונזער קעניג האָבען מיר דיר פֿאַרבערײַטעט זאָ אײן טראָהן, וועלכער ווערט פֿאַר דיר זעהר פּאַסען. דו קענסט איהם זעהן, ווען דו ווילסט. דאָרט איז ער! (ווייזט אויפ'ן גרוב)

יוסף: ברודער!

שמעון: שוויַיג דו חונף! דײַן מויל זאָל מעהר דאָס וואָרט ברודער ניט אַרויס־רעדען. אויף עוויג זאָל עס דיר פֿערשלאָסען זײַן!

יוסף: גאָט אין הימעל! הער איך עס וואַכענד אָדער איז עס נור אַ חלום?

שמעון: געוויס נור אַחלום! דו ביסט דאָך אוים לויטער חלומות צוזאַמען־געזעצט געוואָרען!

לוי: ווי עס שײַנט האָט ער דעם בעל החלום אָבגערונגען אויף דעם יאָהר, איהם ברענגט ער גאַנצע בערג חלומות און אונז קײן איינציגען ניט.

יהודה: עס איז ווירקליך װאָנדערבאַר. איך האָב נאָך נישט דאָס גליק געהאַט אַז צו מיר זאָל זיך בוקען אײן איינציגער שטערען, צו איהם דאַגעגען בוקט זיך די זונן די לבנה און 11 שטערען.

שמעון: בערוהיגט אייך מײַנע ברידער! אַז מיר וועלען איהם אַרײַנשלעפּען אין איינם פֿון די פּעסלעך מעג איהם שוין דער בעל החלום דעם גאַנצען הימעל מיט חלומות אַראָב־ברענגען.

(אלע לאכען)

יוסף: און אַזוי קאַלט־בלוטיג קענט איהר נאָך לאַכען און שפּאָטען פֿון אַ אייגענעם ברודער בשעת איהר זײַט בערײַט זײַן בלוט צו פֿערגיסען? אַ ברידער מײַנע! געדענקט, איבערקלערט אייך גאַנץ גוט בעפֿאָר איהר ווילט בעגעהען אַזאַ גרויסע זינד. ווי אַזוי וועט איהר קענען רײַן וואַשען אײערע הענד פֿאַר גאָט און פֿאַר אונזער טײַערען פֿאָטער יעקב? איהר ווײַסט ווי ליעב ער האָט מיך. און דו ראובן מײַן עלטסטער ברודער דו שטעהסט אויך פֿון דער ווײַטענס? בײַ דיר איז אויך רעכט אַז איך זאָל אַזוי אונבאַרמהערציג פֿון דער וועלט אַוועק קומען? און דו יהודה, דו וועלט בעריהמטער העלד! ווילסטו דאָס אויך אַנצײַגען צווישען דײַנע העלדענטהאַטען מיך דעם יונגסטען

דעם שוואַכסטען פֿון דער וועלט אומצוברענגען? און איהר אַלע מײַנע ברידער! איז דען בײַ אייך אויסגעלאָשען געוואָרען דער לעצטער פונק מורא פֿאַר גאָט? האָבען דען אייך אונזערע עלטערען נישט געלערנט צו פֿערגעסען די זינד פֿון אַ פֿײַנד אַפילו, איבערהויפּט פֿון אַ אייגענעם ברודער? אָ שמעון און לוי! גיט נישט נאָך אײַער ווילדען צאָרן! ערקלערט מיר אין וואָס בעשטעהט מײַן זינד געגען אייך. איך שווער בײַ גאָט דאָס נישט מעהר צו טהון. אָה ברידער מײַנע ערבאַרמט אייך איבער מיר, האָט מיטלייד! מיטלייד!

לוי: ווי געפֿעלט אייך ווי ער קען פּלאַפּלען מיט זײַנע זײַדענע ליפּעלעך? ווי קינסטליך ער קנאַקט מיט זײַן צינגעלע? וואָלט איהר נישט געקענט מיינען אַז אַ רוח הקדש רעדט פֿון איהם אַרויס? אַ ניין דו חונף! ניט אונז וועסטו דעם קאָפּ פֿערדרעהען! מיר קענען דיך שוין גוט! דײַנע ליפּען טריעפֿען האָניג בשעת דײַן צונג איז פֿול גיפֿט. דײַן מויל פּלוידערט אוים אַ שבועה ניט צו זינדיגען, בשעת דײַן קאָפּ איז פֿול מיט פּלענער אין גאַנצען די ליעבע פֿון אונז בײַ דעם פֿאָטער אַוועק־צורויבען! ניין, קײן וויינען קײן יאָמערן וועט דיר מעהר נישט העלפֿען! דײַן לעצטע שעה איז געקומען.

יוסף: (זינגט) אָה ברידער מײַנע, לאָזט מיך לעבען
איז דען אייער הערץ פֿון שטײן? ניין, ניין, ניין,
יהודה, לוי, ראובן!
אָה גאָט ווער וואָלט עס אַמאָל געגלויבט
אַדיע מײַן פֿאָטער בלייב געזונד
צום טויט האָסטו געשיקט דײַן קינד
דעם לעצטען גאַנג געשיקט אַהער,
זעהן וועסטו מיך שוין ניט מעהר.
צום טוידט האָסטו געשיקט דײַן קינד
דעם לעצטען גאַנג געשיקט אַצינד
בלייב געזונד, בלייב געזונד, ־יעבער פֿאָטער בלייב געזונד

כאָר: הערט איהם ניט צו הערט איהם ניט.
דאָ בלייב אין גרוב איז דײַן אָרט
ניין, גיין! רעד ניט מעהר קײן וואָרט
דאָ בלייב רעד ניט מעהר קײן וואָרט
דאָ בלייב אין גרוב איז דײַן אָרט (בינדען איהם אין ווארפען איהם אין גרוב אלע אב)

(עס קומען אן מדינים)

אליחלף: נו מײַנע ברידער זעצט אייך דאָ אוים, וואַסער איז דאָ וועלען מיר אָנטרענקען אונזערע קעמלען און אַליין וועלען מיר אויך עפּעס טרינקען. חאַלאַמישע געה נעהם דאָס קריגעל און שעפּ אָן וואַסער.

יוסף: (פון גרוב זינגט) אַדיע לעבע וואָהל!...

אליחלף: חאַלאַמישע, גיעב נור אַ קוק ווער זינגט עס דאָרט?

חאלאמישע: (ביים גרוב) אַמענש! אַמענש!

אליחלף: אַמענש? (געהט צו צום גרוב) זאָג נור ווער ביזטו?

יוסף: איך בין אַמענש! האָט רחמנות און נעהמט מיך אַרויס.

אליחלף: איהר הערט! ער בעט מען זאָל איהם אַרויס נעהמען. חאַלאַמישע גיעב אַהער אַשטריק וועלען מיר איהם אַרויס שלעפּען.

חאלאמישע: (ברענגט שטריק) נאַ אָט האָסטו אַשטריק, נעהם דיך אָן וועלען מיר דיך אַרויסנעהמען.

יוסף: איך קען נישט, וויל מיינע הענד זענען געבונדען.

אליחלף: איהר הערט? זיינע הענד זענען איהם געבונדען! חאַלאַמישע שפּרינג אַריין און נעהם איהם אָן ביים קאָפּ און וואַרף איהם אַרויס (עס געשיהט).

יוסף: איך דאַנק אייך מיינע ליעבע, איך דאַנק אייך וואָס איהר האָט געראַטעוועט מיין לעבען.

אליחלף: זאָג נור ווי קומסטו אַהער?

יוסף: איך בין געגאַנגען מיט דעם וועג בין אין אַריינגעפאַלען.

אליחלף: אַגאַנץ שעהנער יונג און קען אָבער זאָגען גאַנץ שעהנע ליגענס דו זאָגסט אַז דו ביזט אַריינגעפאַלען, נו און ווער האָט דיר די הענד געבונדען?

יוסף: איך וועל אייך זאָגען דעם אמת. איך בין ניט אַריינגעפאַלען נור מען האָט מיך אַריינגעוואָרפען.

אליחלף: איהר הערט, מען האָט איהם אַריינגעוואָרפען. ווער האָט דיך אַריינגעוואָרפען?

יוסף: מיינע ברי... מיינע פיינדע! מיינע פיינדע!...

אליחלף: איהר הערט זיינע פיינדע האָבען איהם אַהער אַריינגעוואָרפען איך רעכען אַז מיר וועלען פאַר איהם נעהמען אַ שעהנעם פּרייז. קום מיט אונז מיר וועלען דיך ניט אַריינוואַרפען אין קיין גרוב.

יוסף: האָט רחמנות! פיהרט מיך ניט מיט אייך! פיהרט מיך צו מיין פאָטער. ער איז רייך ער וועט אייך געבען פאַר מיר געלד וויפיעל איהר וועט וועלען. פיהרט מיך צו מיין פאָטער.

אליחלף: אַזוי דו האָסט אַרייכען פאָטער? זעהר שעהן קום מיט אונז.

שמעון: (לויפט אריין) האַ? וואָס זעה איך? שנעלער ברידער קומט אַהער!

אלע: (לויפען אריין מיט אגעשריי) וואָס איז דאָס?

שמעון: זאָג נור ווי קומט דער יונגלינג צו דיר?

אליחלף: וואָס פאַר אַרעכט האָט איהר צו פרעגען אויף איהם?

שמעון: ער איז אונזער קנעכט, ער האָט זיך געגען אונז פערזינדיגט האָבען מיר איהם אַהער אַריינגעוואָרפען.

אליחלף: ער איז אייער קנעכט? און איך וואָלט געקענט שווערען אַז עס פּאַסט אייך בעסער צו זיין זיינע קנעכט. נו וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן? איך האָב געזיים דעם אמת געזאָגט. קומט! אונז מדינים ווילען זיי נאַרען.

אלע: שטעה! האַלט!

שמעון: שטעהט ברידער! עס איז גאָר אַשאַנדע אַז מיר זאָלען זיך פלאָגען מיט אַזעלכע שוואַכע פליגען. איך איינער געה געגען דעם באַראָבאַקי (גיט איהם אשטויס, ער פאלט צו דער ערד מען נעהמט דערווייל צו יוסף׳ן) נו באַראָבאַקי ווי געפעלט דיר אַ בן יעקב?

אליחלף: אַלע רעספּעקט פאַר אַ בן יעקב! אוי מיין פוס! — ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען? איהר זאָגט דאָך אַז דער קנעכט האָט זיך געגען אייך פערזינדיגט? וואָס טויג אייך אַזאַ קנעכט, פערקויפט איהם בעסער מיר, איהר האָט מיר שוין צובראָכען מיין פוס לאָזט מיך אַמוועניגסטענס, ביי אייך עפּעס פערדיענען. אוי מיין פוס!

שמעון: 20 זילבער גיעב אַהער און דער קנעכט איז דיינער.

אליחלף: 20 זילבער? (צו די מדינים) ווער האָט פון אייך 20 זילבער?

איינער: איך האָב (ער גיעט שמעון׳ן און נעהמט יוסף)

יוסף: ברידער?

שמעון: שוויינ!

אליחלף: וואָס רופט ער אייך ברידער?

שמעון: בערוהיגט אייך! היינט רופט ער אונז ברידער און מאָרגען וועט ער אייך רופען ברידער. קומט מיינע ברידער (זיי אב)

יוסף: (ווײנט) ברידער מיינע!

אליחלף: עס מאַכט ניט אויס אַזעלכע ברידער וועסטו איבעראַל געפינען. (זיי פיהרען איהם אב, ראובן קומט אן שטילער הייד צום גרוב)

ראובן: איצט איז די בעסטע צייט איהם צו רעטען און צום פאָטער איהם צו ברענגען. יוסף! יוסף! איך בין עס דיין ברודער ראובן איך וויל דיך רעטען, יוסף רוף דיך אָב! אָ ער שווייגט!

פיליכט האט איהם דער שרעק געטוידט? יוסף מיין ברודער! א גאט גיעב מיר קראפט איהם צו רעטען (שפרינגט אריין ער שרייט יוסף, יוסף!

(די ברידער קומען אן)

שמעון: קומט ברידער, עס איז שוין צייט אהיים צו געהן הא! ווער שרייט עס? ראובן? וואס שרייסטו, ווער האט דיך אריינגעוואָרפען? (זיי שלעפען איהם ארויס)

ראובן: וואו איז יוסף? יוסף וואו איז?... וואס שווייגט איהר פאר וואס ענטפערט איהר ניט?

יהודה: שא ליארם ניט אזוי! מיר האבען איהם צו די מדינים פערקויפט!

ראובן: אזוי קאלטבלוטיג זאגסטו מיר יהודה א אייגענעם ברודער פערקויפט? אה ברידער מיינע וואס האט איהר געטהון? וואס וועל איך יעצט דעם פאטער ענטפערן ווען ער וועט מיך פרעגען אויף איהם?

שמעון: די זעלבע אנטווארט ווי ער וואלט אין גרוב געוועזען.

ראובן: א שמעון, און ביי דיר איז אלץ איינס זאגאר איין אייגענעם ברודער צו ערמאָרדען? א יוסף יוסף מיין ברודער! וואס וועל איך דעם פאטער ענטפערען ווען ער וועט מיך פרעגען אויף דיר? איך בין דאך מעהר פערענטווארטליך (וויינט)

יהודה: וואס קומט ארויס פון דיין ליארמען? מיר מוזען איצט קלערען א פלאן וואס זאלען מיר דעם פאטער ענטפערען ווען ער וועט אונז פרעגען אויף איהם

ראובן: מאכט אייך אייערע פלענער אהן מיר! יוסף ווי וועל איך קענען קומען צום פאטער אהן דיר?

לוי: הערט מיך אוים ברידער! אזוי ווי זיין זיידען העמדעל איז אונז צוריק געבליבען, איז מיין ראטה אז מיר זאלען קוילען א ציגעלע און דאס העמדעל איינטינקען אין דעם בלוט און צום פאטער עס ברענגען, דער פאטער וועט עס אנערקענען אלם יוסף'ס און ער וועט גלויבען אז א ווילדע חיה האט איהם צוריסען.

יהודה: דער פלאן איז פארטרעפליך! נור הערט מיך אוים מיינע ברידער בעפאר מיר געהען צום פאטער, מוזען מיר דאס געהיימניס מיט איין שבועה צודעקען. מיר נעהמען זאגאר הימעל און ערד פאר עדות און דו ראובן מוזט אויך מיט אונז שווערען.

אלע: זייט איהר עדות הימעל און ערד
ווי מיר אלע שווערען הערט, אה הערט
מיר שווערען, מיר שווערען, (פאלען אויף די קניע)
הייליג צו האלטען דיזע שבועה
אלע הערט אלע שווערט אויף דעם ארט

יהודה: ניט פערראטען מיט איין ווארט (כאר בים)

אלע: הערט אלע שווערט דאס געהיימניס צו בעהאלטען

יהודה: ניט פערראטען מיט איין ווארט

אלע: מיר שווערען אויף דעם ארט (בים)

פארהאנג פאלט.

צווייטער אקט.

(ביי יעקב'ן אין הויז, יעקב, בנימין סרח, כאר, נאכדעם די קינדער)

מעדכען כאר: מיר לויבען גאט פון גרוים ביז קליין
דיך צו דיענען איז דאך זעהר שעהן
נור דיך צו דיענען, יא נור דיך אליין
יא יא יא נור דיך אליין

יעקב: דו ביסט אונזער הערשער דער שעפפער דער וועלט
נור דו קענסט העלפען ווער נור דיר געפעלט
הער צו גאט דיינע טרייע קנעכט
היט אונז אב פון לייד

מעדכען: מיר לויבען גאט א. ז. וו.

יעקב: בנימין מיין קינד, ווילסטו געהן זעהן צו דיינע ברידער זענען שוין געקומען פון פעלד?

בנימין: זעהר גערן ליעבער פאטער! (אב)

יעקב: אך ווי שרעקט מיר היינט מיין הערץ! ווייסטו ניט ליעבער סרח, וואס איז מיט די קינדער געשעהן, וואס זיי זענען נאך פון פעלד ניט געקומען?

סרח: זיי נישט אזוי בעזארגט ליעבער פאטער! זיי וועלען געוויס באלד קומען.

יעקב: אך גאט! איך האב מיין טרייען זוהן אוועק-געשיקט צו זיי און מיר שרעקט מיין הערץ פאר וואס ער זאמט זיך אזוי לאנג.

סרח: ווייסטו דען נישט ליעבער פאטער וואס פאר איין גע-הארכזאמעס קינד יוסף איז? ער וועט דיר געוויס באלד גוטע נאכריכטען ברענגען פון דיינע קינדער.

יעקב: אה מיין הערץ פיהלט עטוואס שרעקליכעס וואס מיין טייערער יוסף איז נאך פון פעלד ניט געקומען.

סרח: זיי נישט בעזארגט ליעבער פאטער, זינג בעסער דאס וואס דו לערנסט אונז אלעמאל

יעקב: יאָ מײַן טײַער קינד, איך װעל אײַך זינגען דאָס הײליגע ליעד, אָבער איהר זאָלט ניט פֿערגעסען װאָס אײַער פֿאָטער לערנט אײַך.

סרח: זעהר גערן ליעבער פֿאָטער! זינג דאָס הײליגע ליעד.

יעקב: (זינגט) גאָט בעפֿעהלט געה די זעעלע
װען ער שיקט זי אויף דער װעלט אַראָב
געה זאָגט ער איהר מיט פֿרײדע
דאָרט װאַרט װען איך נעהם דיך אָב.
און װען דיר װעט שלעכט זײַן דאָרט
פֿערצװײפֿעל ניט מײַן קינד
געדענק נאָר גוט דאָס װאָרט
װאָס איך גיעב דיר מיט אַצונד
אֵל רחום, אֵל רחום, אֵל רחום איז מײַן נאָמען } ביִם
פֿערגעס דאָס ניט

(עס קומט אריין בנימין)

בנימין: פֿאַטער! פֿאַטער! מײַנע ליעבע ברידער קומען!

יעקב: זײ געבענשט פֿון גאָט מײַן טײַערער בנימין! געהען זײ אַלע?

בנימין: דאָ געהען זײ (די ברידער ערשיינען)

אלע: פֿריעדען צו דיר, ליעבער פֿאַטער!

יעקב: פֿריעדען צו אײַך מײַנע ליעבע קינדער, זענט איהר אַלע דאָ?... װאָס שװײַגט איהר?... זענט איהר אַלע דאָ?... קײַנער װיל מיר ניט ענטפֿערן? ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולון, דן, נפתלי, גד, אָשר, — יוסף? װאו איז יוסף? װאָס שװײַגט איהר? פֿאַר װאָס ענטפֿערט איהר מיר ניט? װאו איז יוסף?

יהודה: יוסף'ן האָבען מיר הײַנט ניט געזעהן.

יעקב: ניט געזעהן זאָגט איהר? איך האָב דאָך איהם צו אײַך געשיקט און איהר זאָגט איהר האָט איהם ניט געזעהן, װי אַזוי איז דאָס מעגליך?

יהודה: נײַן פֿאַטער, מיר האָבען איהם ניט געזעהן, נור...

יעקב: װאָס נור?...

יהודה: אַ הײַם־געהענדיג האָבען מיר געפֿונען דאָס (ער װײזט דאס העמדעל אין בלוט. יעקב לאזט ארויס אמורא'דיגען געשריי)

יעקב: געזונד און פֿריש האָב איך איהם צו אײַך אַװעק־געשיקט און װאָס איז געבליעבען פֿון מײַן ציטריגען ליעבען יוסף? גרױסער גאָט! פֿאַר װאָס האָסטו מיך ניט גענומען צו זיך, אײדער איך זאָל דאָס דערלעבען בײַ מײַנע אַלטע יאָהרען, אַ װילדע חיה האָט מײַן קינדס בײַנערלעך פֿערצעהרט! אָה אָה יוסף! יוסף! איך

בין שולדיג אין דײַן יונגען טױדט, דאַמיט װאָס איך האָב דיך געשיקט אין אַזאַ געפֿעהרליכען װעג. רחל, מײַן טײַערע! שטעה אויף פֿון דײַן קבר, זעה װאָס ס'איז געבליעבען פֿון דײַן זוהן! װי פֿיעל יאָהרען לאַנג האָסטו גאָט געבעטען ביז דו האָסט אויסגעװײנט דעם ציטריגען יוסף און אַס ענדע האָבען זיך די װילדע חיות פֿון די װעלדער מיט זײַן פֿלײש געזעטיגט. אָ יוסף ביז אין מײַן טױדט װעל איך ניט אויפֿהערען צו קלאָגען נאָך דיר!

אלע: (זינגען) הער אונז צו פֿאַטער, װײן ניט קלאָג ניט אַזױ טרײסט דיך פֿאָטער, מיט אונז. (ביִם)

יעקב: דאָרט לױפֿט אַ קינד אויף אַלע װעגען
זײַנע ברידער אויפֿזוכען האָט ער געװאָלט
אַ בײזע חיה קומט איהם ענטקעגען
צורײַסט זײַן פֿלײש, פֿערצעהרט איהם באַל,
און אין די געדערמע פֿון אַ חיה װאָס דאָרט זיך געפֿינט
דאָרט איז מײַן קינד, דאָרט איז מײַן קינד.
זאָ אַ אומגליק איז נאָך קײנעם
ניט געשעהן אַזױ װי מיך
געטראָפֿען האָט עס נור מיך אײנעם
װאָס שװײַגט איהר, טרעהרען גיסט אָהן אַ שיעור
טרױערט גלײַך מיט מיר אַ ציִנד
בעװײנט מײַן קינד בעקלאָגט מײַן קינד.

אלע: טרײסט זיך פֿאַטער מיט אונז... א. ז. װ.

יעקב: לאָזט מיך, לאָזט מיך צו איהם געשװינד
צו מײַן ליעב קינד, צו מײַן קינד...

(ער פאלט אין אהנמאכט, אלע ארום איהם)

פארהאנג פאלט. פערװאנדלונג.

(א שעהן צימער ביי זליכה. זי שטעהט און פוצט זיך)

זליכה: יעצט בין איך אַ שעהנהײט! שענער קען שוין ניט זײַן. נור נײַן, נאָך עטװאָס רױטע אויף די באַקען און אויף די ליפּען און גענוג... יעצט בין איך אַזױ שעהן אַז איך בין קײן מאָל ניט אַזױ שעהן געװען. און יעצט װיל איך זעהן צו װעל איך איהם הײַנט אויך ניט געפֿעלען? אַך זײַט מײַן פוטיפר האָט אַרײַנגענומען דעם יודישען קנעכט יוסף, לעב איך גאָר ניט! װאו איך געה און װאו איך שטעה שװעבט זײַן שעהנעס געזיכט פֿאַר מײַנע אױגען. אָבער ער װיל מיך גאָר ניט קענען. איך פֿערשטעה ניט. בין. איך דען נישט גענוג שעהן איהם צו געפֿעלען? יאָ הײַנט מוז איך מיט איהם מאַכען די לעצטע פּראָבע! איך מוז אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל װיסען װאָס ער דענקט פֿון מיר? איצט איז

די בעסטע צייט! מײַן מאַן איז ניטאָ אין דער היים, איז די בעסטע צייט זיך מיט איהם צו אונטער־האַלטען. (רופט) יוסף, יוסף!

יוסף: (קומט אריין) וואָס ווינשט איהר מײַנע הערין?

זליכה: וואָס איך ווינש? דײַן שעהנעס געזיכט צו זעהן איז שוין גענוג פֿאַר מיר... נעהם ליעבער יוסף אַשטוהל און שטעל זי דאָ אַהער, נור איינס נעבען צווייטען (געשיהט) יעצט ליעבער יוסף ברענג מיר אַרײַן דעם פֿריהשטיק.

יוסף: זעהר שעהן. (וויל געהן)

זליכה: יוסף!

יוסף: וואָס ווינשט איהר נאָך?

זליכה: שטעה... מען ברויך נישט! איך וויל ניט עסען... איך האָב נאָך קײַן אַפּעטיט, איך וועל שפּעטער עסען.

יוסף: זעהר שען, (וויל געבען)

זליכה: פֿאַר וואָס אַנטלויפֿסטו פֿון מיר ליעבער יוסף? איז דען דיר נישט אַנגענעהם מיט מיר צוזאַמען צו זײַן? און פֿאַר וואָס ביזטו אַזוי טרויעריג, ליעבער יוסף?

יוסף: האָט איהר מיך דען ווען עס איז פֿרעהליכער געזעהן?

זליכה: (אפּארט) אַך ווי שעהן זענען זײַנע ווערטער וואָס זײַנע ליפּען רעדען אַרויס האָסטו שוין געפֿריהשטיקט, ליעבער יוסף?

יוסף: יאַ, הערין!

זליכה: ווילסטו פֿיעללייכט טרינקען מיט מיר אַביסעל ווײַן?

יוסף: (אפּארט) וואָס וויל זי פֿון מיר?

זליכה: אָה ווי שען זענען דײַנע לאָקען! נעהם און ברענג זיי אין אָרדנונג.

יוסף: איך בעקימערע מיך זעהר וועניג אום מײַנע האָר, איך שטרעב נור דאָס מײַן אַרבייט זאָל אַלעמאָל זײַן אין דער בעסטען אָרדנונג

זליכה: אַך ווי שעהן זענען דײַנע ליכטיגע אויגען, ליעבער יוסף!

יוסף: אָבער ווי העסליך זענען די אויגען ווען זיי קוקען וואוהין מען דאַרף ניט.

זליכה: ווי עדעל ווי צאַרט דײַן גאַנצער קערפּער איז

יוסף: איך קען קײַן אונטערשיעד פֿון קערפּער און ערד, איך גיעב מיר נור די מיהע דאָס מײַן נשמה זאָל זײַן ריין.

זליכה: האָב איך עס דען פֿערדיענט דו זאָלסט מיר אַזוי ענטפֿערען?

יוסף: פֿערצייהעט הערשערין (וויל געהן)

זליכה: וואוהין געהסטו ליעבער יוסף?

יוסף: צוריק צו מײַן אַרבייט

זליכה: דאָ בלייב! זעץ דיך!

יוסף: (אפּארט) גאָט אין הימעל זוי ווערט מען לויז פֿון דער שלאַק?!

זליכה: אָ יוסף נאָך פֿיהלסטו נישט ווי ליעב איך האָב דיך? אָ נײַן איך קען עס לענגער נישט אויסהאַלטען אָה יוסף נאָך פֿיהלסטו ניט וואָס איך פֿערלאַנג פֿון דיר?

יוסף: וואָס קענען זי פֿערלאַנגען פֿון אַ אָרעמען שקלאַפֿע?

זליכה: (אומארמט איהם) ליעבע! ליעבע פֿערלאַנג איך! איך בין שוין משוגע, איך קען עס שוין לענגער ניט אויסהאַלטען (ער רייסט זיך) נײַן יוסף, איך לאָז דיך ניט אָב פֿון מיר!

יוסף: אָה מײַן פֿאָטער! לאָזט מיך צו מײַן פֿאָטער (רייסט זיך ארויס איבערלאזענדיג זיין מאנטעל).

זליכה: וואָס טהוט זיך דאָ מיט מיר? וואו בין איך? ער האָט זיך אַרויס געריסען פֿון מײַנע הענד? ער האָט מיר איבער־געלאָזען זײַן מאַנטעל, און מיך איבערגעלאָזט אַליין? אָ איך אומ־גליקליכע! אָבער נײַן! דאָס זאָל איהם ניט פֿערשוויגען ווערען! ער דער שענדליכער שקלאַפֿע האָט מיך אַוועק געשטויסען? מיך זײַן הערין אויסגעלאַכט? אָ נײַן! דאָס זאָל איהם ניט געשענקט ווערען! דאָס זאָל איהם זײַן לעבען קאָסטען! געהאַנגען זאָל ער ווערען דער שענדליכער! הילפֿע! דיענער! (דיענער ערשיינען)

דיענער: וואָס איז געשעהן?

זליכה: וואָס איז געשעהן פֿרעגט איהר? שוין אַ לאַנגע צייט דאָס איך רוף אום הילפֿע און איהר האָט זיך קוים דערמאָנט צו קומען.

דיענער: מיר שווערען ביי גאָט דאָס מיר האָבען ניט געהערט!

זליכה: ניט געהערט זאָגט איהר? ווייל איהר זענט ניט בעסער פֿון דעם מערדער וועלכער האָט מיר געוואָלט מײַן לעבען נעהמען!

דיענער: מערדער? ווער האָט עס געוואַגט?

זליכה: ווער עס האָט געוואַגט פֿרעגט איהר? זעהט! ערקענט איהר וועמענס מאַנטעל דאָס איז?

איינער: אָ גאָט דער מאַנטעל איז דאָך אונזער הויזפֿערוואַלטערס

זליכה: יאַ, צום דאַנק דאַפֿיר וואָס איך האָב איהם ערהויבען איבער אַלע שקלאַפֿען האָט ער געוואַגט צו הויבען זײַן האַנד אויף זײַן הערין!

אלע: וואָס הערען מיר?

זליכה: איך בין מיר אַליין געזעסען אין מײַן צימער איז ער אַרײַנ־געקומען דער שענדליכער, און האָט זיך נעבען מיר געזעצט און אין ליעבע ערקלעהרט און האָט מיך זײַן הערין געוואָלט

שענדען, מיט אלע מיינע קרעפטען האב איך מיך געוועהרט געגען איהם. איך האב געשריען הילפע! אבער איהר זענט אלע ווי איינגעשלאפען, ענדליך איז מיר געלונגען איהם אליין ביי צוקומען און ווי איך האב איהם געפאקט ביי זיין מאנטעל און געהאלטען האט ער זיך ארויסגעריסען און אנטלאפען און זיין מאנטעל איז ביי מיר געבליעבען.

אלע: יאגט איהם נאך! געהאנגען זאל ער ווערען! (אב)

זליכה: וואס? יוסף'ן הענגען? ווי וועל איך עס קענען איבערלעבען? איך ליעב דאך איהם? זיין טוידט איז דאך אויך מיינער!... וואס רעד איך? עס קען נאך אמאל דער אמת ארויס קומען און דאן וואס וועט מיין פוטיפר און די וועלט זאגען? דאך זליכה ביזטו פערלארען אויף אייביג!... אבער ניין! קיין מוטה ניט פערליערען! אין געפענגניס מוז ער צוערשט געהן! דארט וועט ער צייט האבען זיך צו בעדענקען, אז עס איז בעסער געליעבט צו ווערען פון זליכה'ן ווי צו זיצען אין נאסען קערקער און קייטען געשלאסען! (מען ברענגט אריין יוסף'ן געבונדען)

באר: נעהמט שוין קינדער, נעהמט שוין געשווינדער
דעם פערברעכער אין די הענד
זאל ער פיהלען אין דעם גרוב דעם קיהלען
פון דעם קערקער די נאסע ווענד
זיין הערצין האט ער שענדען געוואלט
יא נעהמט איהם, בינדט איהם אין קייטען שליסט איהם
און פיהרט איהם אין נאסען קעלער באלד
זיין פערדינטע שטראף דארף זיין אשרעק.
נעהמט שוין קינדער, נעהמט געשווינדער
פיהרט איהם אוועק אוועק.

יוסף: גנאדע, מיטלייד, הערט מיך ערשט אוים
הערט מיך ערשט אוים.
אך גאט וואס האב איך דערלעבט
ווען איהר וואלט וויסען פון וועמען איך קום ארויס
וואלט איהר אויף מיר דאס ניט געגלויבט
דארט בין איך ביי מיין פאטער יעקב ערצויגען
אויף גאלד און זילבער בין איך געוואגען
ביי מיין פאטער אין דאס לאנד כנען
און דא בין איך אשקלאף געווען.

באר: נעהמט שוין קינדער... א. ז. וו.

פארהאנג פאלט

דריטער אקט.

(קערקער, יוסף זינגט).

יוסף: פון אלע געשעפפע
פון גרוים ביז קליין
וואס גאט האט בעשאפען
צו וואסער און לאנד,
איז דאס שעהנסטע און בעסטע
דער מענש נור אליין
וואס הערשט אויף דער וועלט
מיט זיין פערשטאנד.
איך פרעג אבער צו וועלכען צוועק
האט איהם גאט דאס געגעבען
אז ביטער פלאגען גאר אהן א'נעק
מוז ער זיך זיין גאנץ לעבען.
ערשט געבוירען און באלד פערלוירען
צרות און ליידען אהן אשיעור
אזוי פערגעהען זיינע יונגע יאהרען
פאר וואס האסטו איהם בעשאפען גאר
פאר וואס? פאר וואס?!!

(פראזע): פאר וואס? ווייל אזוי וויל ער, ער דער בעשעפער דער וועלט. צוועלף לאנגע יאהר אז איך ליעג דא פערשפארט אין דעם פינסטערן נאסען קערקער. צוועלף אונגעהייערע יאהר אז מיינע אויגען האבען די ליכטיגע שיין ניט געזעהן, צוועלף אונענדליכע יאהר איז שוין פאראיבער אז מיין שוואכער קערפער ליידט אזוי פיעל. צוועלף אונענדליכע יאהר אז איך האב מיין טייערען פאטער ניט געזעהן. א פאטער הערצליכער פאטער! פון דיינע אויגען רינען געוויס הייסע טרעהרען נאך דיין קינד, דו רעכענסט געוויס אז א ווילדע חיה האט מיך אוועק־געראבט פון דיר. א פאטער טהייערער פאטער! ווי גערן וואלט איך דיך נאך א מאל געזעהן! א ברידער מיינע! ווי שטארק איהר האט זיך פערזינדיגט געגען מיר! נור איך פערצייהע אייך, איך פערצייהע אייך פון טיעפען הערצען. קומט ברידער בעפרייט מיך פון פינסטערן גרוב! פיהרט מיך צו מיין פאטער לאזען מיינע אויגען אין איינציגען בליק אויף איהם געבען. אין איינציגעס מאל ביי

מיינע יונגע יאהרען. קום אהער זליבה מיט דיין זינדיגע ליעבע און זעה ווי דו האסט דיין נקבה אויסגעפיהרט. אה איך בין שוואך עס מאטערט מיך דער שלאף, שיק מיר גאט דיינע זיסע טרוימע נור זיי קענען מיר ווייזען מיין טוידטע מוטער. דו ליעבער טרוים וויין מיר מיין אלטען פאטער! דען נור זיין בילד ניט מיר קראפט די ליידען איבער־צו־טראגען, העלף מיר גרויסער גאט איך זאל איינשלאפען! איך בין מיעד קראנק צו בראכען! מיינע קרעפטען פערלאזען מיך, איין קאלטעס וועטער דרינגט דורך אלע מיינע גליעדער. א איך קען שוין מעהר ניט אויסהאלטען. מיינע שמערצען זענען אהן אגרענעץ, דא פיהל איך וועל איך מיינע יונגע יאהרען ענדיגען. דא וועט מיר דער זיסער שלאף מיינע אויגען אויף אימער צו מאכען, בלייב געזונד ליעבער פאטער, בלייב געזונד (שלאפט איין עס צייגט זיך א טאבלא רחל מיט ענגלען זינגען):

ענגעל: פערצווייפעל ניט מענש ווען דיר געהט שלעכט
האף נאך ליעבעס קינד אלעס קומט מיט דער צייט.

רחל: יוסף, יוסף מיין טייער קינד, געליטען האסטו שוין אזוי פיעל און ליידען וועסטו ניט מעהר.

כאר: איין ענדע צו דיינע ליידען שוין
דיין שטערען שיינט שיין וויעדער.

רחל: און אויסלעשען וועט ער קיינמאל, קיינמאל ניט מעהר.

יוסף: מוטער מוטער העלף דיין קינד געליטען האב איך שוין אזוי פיעל

כאר: אין גאט פערטרויע ער איז גערעכט
האף נאך ליעבעס קינד אלעס קומט מיט דער צייט

רחל: (פראזא) הער מיך אוים מיין קינד יוסף! שווער איז דעם מענשען זיינע יאהרען אבצולעבען און דאבי זיך ניט צו בעקלאגען און דאבי נאך מענש צו בלייבען! אלזא מיין קינד הער אוים די ווערטער וואס דיין מוטער זאגט דיר דאס לעצטע מאל. זיי וויסען מיין קינד אז פון יעצט אן פאנגט אן דיין גליקס שטערען צו שיינען, וויים, זעהר וויים וועט ער זיינע שטראהלען צו שיקען, דיין נאמען וועט זיך הערען פון איין עק וועלט ביז צו דער אנדערער. גאנץ פול וועט זיין דער בעכער וואס דאס גליק וועט דיר געבען אויסצוטרינקען פון דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען וועלען יעדער קישען דאס שטויב פון דיינע פים. אבער נעהם דיר אין אכט מיין קינד. וואס דיין מוטער זאגט דיר אצינד: קריץ אוים די ווערטער אויף דיין הערץ. זאלסט נישט פערגעסען אז דו ביזט א שטערבליבער קערפער גלייך מיט אלע; אהנע אויס־נאהמע זענען יעדען מענטשען זיינע טעג צו געצעהלט, אלזא מיין

קינד זאלסטו זעהן אז דיין זעעלע זאל ניט בעפלעקט ווערען. אז ווען דער בעשעפער וועט זי פון דיר פערלאנגען, זאלסטו זי איהם געבען זא ריין, זא שעהן ווי דו האסט זי פון איהם עמפפאנגען. מעהר האט דיין טרייע מוטער דיר ניט צו זאגען, לעבע וואהל מיין קינד יוסף, לעבע וואהל! (זינגט)
נעה בעפעהלט גאט די זעעלע א. ז. וו. (אב)

יוסף: (אויפוואכענד) מוטער, מוטער! אך ווי שעהן וואר דער טרוים. אבער ווי גיך איז ער פערשוואונדען. א שוין וויעדער קומען מיינע פייניגער צו מיר! קומט מאכט אענדע צו מיין ביטער לעבען! (אויפטריט מרז מיט די שלעסער)

מרד: יוסף דער העברעער פוטיפר'ס געוועזענער שקלאפע!

שליסער: דא איז ער (אב)

מרד: יוסף, דערקענסטו נישט דיין פריינד מרד?

יוסף: איך געדענק נישט נור עס קלינגט מיר דער נאמען

מרד: עס איז קיין וואונדער ביי זאלכע מארטירען דאס געדעכטניס צו פערליערען, יוסף מיין פריינד! קענסטו זיך ערינערען דאס צוריק מיט 2 יאהר בין איך מיט מיין קאמעראד אין דעם זעלבען קערקער געזעסען.

יוסף: א יא איך ערינערע מיך שוין!

מרד: קענסט זיך אויך ערינערען דאס אין איין טאג ביזטו צו אונז געקומען און האסט אונז געפרעגט וואס מיר זעהן זא שלעכט אוים? האבען מיר דיר געזאגט דאס אונז ביידע האט גע־טרוימט איין עהנליכער טרוים, מיר האבען דיר אונזערע טרוימע געלאזט הערען און דו האסט זיי אונז פותר געוועזען, און עס איז אויך געוועזען זא ווי דו האסט אונז געזאגט, איך בין צוריק אויף מיין שטעלע גע־קומען און מיין קאמעראד האט מאן אויפגעהאנגען. יעצט ליעבער יוסף זיי וויסען, אז דעם קעניג פרעה האט געחלומט א מערקווירדיגער חלום און קיינער איז אימשטאנדע דעם חלום ריכטיג פותר צו זיין אין דער צייט האב איך זיך ערינערט אן דיר ליעבער יוסף, איך האב דעם קעניג געלאזט הערען וועגען דיר און דער קעניג האט בעפאהלען דיך צו איהם צו ברענגען. אלזא ליעבער יוסף קום מיט מיר איך וועל דיך אומוואשען אומקליידען און צום קעניג פיהרען.

יוסף: הייליגער גייסט פון מיין מוטער! בעגלייט מיך אויף דעם וועג צום קעניג! לערן מיינע ליפען דעם קעניג די ריינע וואהרהייט צו זאגען! הייליגער גייסט פון מיין מוטער!

פארהאנג פאלט.

פערוואנדלונג.

(ביים קעניג פרעה, איין קעניגליכער זאל)

כאר: געטער שטיצט מיט אייער רעכטער האנד
אונזער קעניג און אונזער לאנד
שטענדיג זיינע פריינד קריגען איבעראל (ביס)

(מען מעלדעט אן יוסף׳ן. ער קומט)

פרעה: ביזט דו דער העברעער יוסף וואס דו ביזט אימשטאנד א חלום פותר צו זיין?

יוסף: אהן די הילף פון מיין גאט בין איך צו קיין זאך ניט פעהיג:

פרעה: מען האט מיר זעהר פיעל וואונדער ערצעהלט, און דאפיר האב איך דיך געלאזט רופען דו זאלסט מיר מיינע חלומות פותר זיין.

יוסף: זאל מיר דער קעניג זיינע חלומות ערצעהלען און וואס גאט וועט מיר אין מיין מונד שיקען וועל איך דעם קעניג זאגען.

פרעה: מיר האט געטרוימט דאס איך שטעה ביים טייך נילוס און זעה ווי פון דארט זענען ארויס זיבען פעטע קיה זעהר שעהן צום אנזעהן. נאכהער זענען ארויס זיבען מאגערע קיה זעהר מיאוס אין אנזעהען. די זיבען מאגערע קיה האבען פער־שלונגען די זיבען פעטע — און זענען געבליבען אזוי מאגער און מיאוס ווי פריהער. נאך דיזען חלום האב איך ערוואכט און בין ווידער איינגעשלאפען, האט מיר ווידער געטרוימט דאס איך שטעה ווידער ביים טייך נילוס און פון דארטען זענען ארויס זיבען פעטע זאנגען זעהר שעהן צום אנזעהן, נאכהער זענען ארויס זיבען מאגערע און מיאוסע זאנגען און אויך דא האבען די זיבען מאגערע זאנגען פער־שלונגען די זיבען פעטע און זענען געבליבען אזוי מאגער ווי געוועזען. דאס זענען מיינע ביידע חלומות וואס איך האב געזעהן אין איין נאכט. די קלוגסטע און געלערנטסטע שטערען־זעהער פון מיין לאנד האב איך געלאזט רופען און יעדער האט מיר מיינע חלומות אנדערש פותר געווען. אבער איך בין פון קיין איינציגען ניט צו־פריעדען, איצט ביזט דו נאך דער לעצטער דו זאלסט מיר מיינע חלומות פותר זיין. אבער הער מיך אוים! דו ביזט א העברעער, דו זאגסט אין מיין געגענווארט פון דיין גאט צו רעדען, דו זאגסט וואס ער וועט דיר אין דיין מונד שיקען דאס וועסטו דיין קעניג זאגען, איך בין ווירקליך נייגעריג צו הערען. אבער אויבער, די פאנטאסטען געהם זיך אין אכט! וועל איך פון דיין מיינונג צופריעדען זיין זא זאלסטו בעלאהנט ווערען ווי דער קעניג פון עגיפטען קען בעלאהנען. פאלס אבער ניט, זא זאלסטו אויף דער שטעלע געטויטעט ווערען! איצט רעד!

יוסף: אויף מיין גאט בין איך ניט אומזיסט שטאלץ! דען קיין זאך אויף דער וועלט געשיהט ניט ביז ער זאל פריהער ניט האבען בעשטימט. דיינע ביידע חלומות קעניג, זענען נור איין חלום און איין ווינק אויף די צוקונפט פיר דאס לאנד עגיפטען, די 7 פעטע קיה אדער די 7 פעטע זאנגען בעדייטען 7 יאהר. די 7 מאגערע קיה אדער די 7 מאגערע זאנגען בעדייטען ווידער אום אנדערע 7 יאהר. אין א זעהר גיבער צייט וועט זיך אנפאנגען אין דיין גאנצעם לאנד עגיפטען 7 פעטע יאהר, אין דיין לאנד וועט זיין אזא זעטיגקייט דאס זייט דיין לאנד עקזיסטירט איז נאך אזוי ניט געוועזען. באלד דארויף נאך די 7 יאהר וועט זיך אנפאנגען הונגער יאהרען וועלכע וועט דויערן ווידער 7 יאהר. אין דאס לאנד וועט ווערען אזא הונגער, דאס די 7 פעטע יאהר וועלען מוזען אין גאנצען פער־געסען ווערען. עס וועט זיין אזא הונגער דאס זייט דיין לאנד עקזיסטירט איז נאך אזא הונגער ניט געוועזען. און עס איז דיר 2 מאל געצייגט געווארען דער צייכען דען עס וועט געשעהן אין א זעהר שנעללע צייט און דער גאט וואס דו ביזט אזוי נייגעריג צו הערען און וויסען פון איהם האט דיר געשיקט אנזאגען אז דו זאלסט זיך פארבערייטען פון די 7 פעטע יאהר אויף די 7 הונגער יאהר, דאס דיין לאנד עגיפטען זאל דורך דעם הונגער ניט צו גרונדע געהען.

פרעה: יוסף מיין פריינד טרעט צו נעהנטער! איך בין איבערצייגט דאס דו האסט די ריינע ווארהייט געזאגט דען די זעלבע דייטונג האב איך אויך אין מיין חלום געלעזען. יא די גרויסקייט פון דיין גאט אנ׳ערקענע איך איצט און איך דאנק און לויב איהם דאס ער האט דיך מיר צוגעשיקט אויף מיין עלטער, א שטיצע צו זיין. דען אזא קלוגען געלעהרטען מאן ער זאל בעזיצען גאטעס נייסט אין זיך דעם וועל איך ניכט פינדען און נור דו אליין פערדינסט מיין שטעל פערטרעטער צו זיין. (צו אלעמען) הערט מיך אוים! פון דיזען אויגענבליק ערקלער איך דעם העברעער יוסף וועלכען איך גיעב א נאמען צפנת פענח אלס הערשער איבער גאנץ עגיפטען. זיינע בע־פעהלע זאלען רעגירען דאס גאנצע לאנד, קיינער זאל זיך ניט וואגען דערוויידער זיין זיין בעפעהל און ווער עס וועט ווידער שפעניגען געגען איהם דער האט זיך געגען מיר, אייער קעניג, פערזינדיגט; קיין אונטער־שיעד זאל זיין צווישען מיר און איהם, אויסער דעם טראהן אליין. איצט מאכט איך פארטיג צו דעם גרויסען פאראד וועלכען איך מאך צוליעב דעם נייעם ווצעקענונג, דאס זאל מיט דערזעלבען פראכט געפייערט ווערען ווי עס איז געפייערט געווארען מיין קראהנונג (מען טהוט אן יוסף׳ן קעניגליכע קליידער עס קומט אן מיליטער אין כאר פרעה זינגט:)

צום ווייצע קעניג ביזטו ערנאנט
נאך דיין בעפעהל צו רעגירען דאס לאנד

ווער דיין בעפעהל נור איבערטרעט
מוז אויף דער שטעל ווערען געטוירט
שווער מיר צו געטריי צו זיין.

יוסף: איך דאנק דיר גרויסער הערשער
פאר דיין גרויסע גנאדע
אך ווי גוט איז דיין הערץ (בים)
איך שווער דיר צו טריי צו זיין.

פרעה: יוסף מיין פריינד, אזוי איז רעכט
דו בלייבסט מיר טריי דו בלייבסט מיר טריי
יא טריי אויף עוויג

יוסף און פרעה: א יא מיין קעניג, דו בלייבסט מיר טריי אויף עוויג
איך בלייב דיר טריי אויף עוויג
איך בלייב דיר טריי אויף עוויג

כאר: האך לעבע אונזער קעניג
האך לעבע יוסף אונזער וויצעקעניג
האך לעבען די העלדען פון אונזער לאנד (בים)
האך לעבע יוסף אונזער וויצעקעניג
און די העלדען פון אונזער לאנד

(פרעה בעגריסט יוסף'ן כאר מארש ביז)

פארהאנג פאלט

פיערטער אקט.

א שעהן צימער, מעדכען זינגען!

אוי אוי אוי הונגעריג זענען מיר דאך זעהר
אוי אוי אוי אויסהאלטען קענען מיר ניט מעהר אוי אוי אוי (בים)
עסען, עסען, עסען, עסען אוי מיר ווילען עסען.
עסען עסען עסען עסען,

בנימין: א שטיקעל ברויט אזוי גרויס ווי דער פינגער
קען אונז דען שטילען דעם הונגער
פאר וואס גיעט מען אונז ניט אויך ווי אמאל
עפעל, בארען, טייטלען אהן צאהל

כאר: אוי אוי אוי הונגעריג א. ז. וו.

בנימין: שטילער זאל זיין! זעה נור וואס פאר גוואלדען זיי מאכען,
דער פאטער איז קראנק און איהר לאזט איהם ניט רוהען.

קינד: מיר ווילען אבער עסען.

בנימין: שעמט אייך איהר עלטערע קינדער! אנשטאט איהר זאלט איינשטילען די קלענערע, מאכט איהר נאך דעם ליארם גרעסער.

אלע: מיר ווילען עסען!

סרח: ווי לאנג איז אז איך האב אייך פריהשטיק געגעבען?

קינד: אזוי!? הערסט בנימין זי האט אונז געגעבען צו שטיקלאך ברויט מיר זענען נאכדעם ערשט הונגעריג געווארען.

בנימין: נו שאט! מאכט קיינע געוואלדען! האט איהר געהערט פון דעם גרויסען הונגער וואס הערשט איצט אויף דער וועלט? אנדערע האבען אפשר דאס אויך ניט. מיר האבען דאך וואס צו עסען איבערהויפט נאך ווען די ברידער וועלען צוריק-קומען פון עגיפטען וועלען מיר האבען זעהר פיעל צו עסען. געהט בעסער קינדער אין פעלד אריין שפיעלען זיך און ווען איהר וועט דערזעהן אייערע פעטער זאלט איהר קומען מיר זאגען.

אלע: איך וועל זאגען.

סרח: וואס זאל עס בעדייטען ליעבער בנימין, וואס די ברידער זאמען זיך אזוי לאנג? איך רעכען אז זיי האבען שוין געזאלט זיין געקומען צוריק.

בנימין: פערגעס ניט ליעבער סרח, וואס דער פאטער האט זיי אנגעזאגט ווען זיי זענען געגאנגען נאך עגיפטען, אז יעדער פון זיי זאל אריין-געהן דורך אבעזונדער טויער, פיליייכט וועלען זיי אויסגעפינען אונזער פערלוירענעם ברודער יוסף.

סרח: גאט זאל מיר נאך העלפען אונזער ליעבען יוסף לעבעדיג צו זעהן!

בנימין: מיר דארפען די האפנונג ניט פערלירען ליבער סרח, דען דער ליעבער גאט האט געשווארען אז ביי זיין טרייען קנעכט יעקב זאל ער קיין קינד ביי זיין לעבען ניט צו-נעהמען און איך האף יעדען טאג מיין פערלארענעם ברודער וויעדער צו זעהן!

סרח: א גאט! זאל אונזער ליעבער יוסף זיך ביי מערדער אין די הענד זיך געפינען? מיר קענען אנדערש ניט דענקען נור אז ער איז צו מערדער אין די הענד אריינגעפאלען און זיי האבען איהם פאר א שקלאפען פערקויפט (יחצאל ערשיינט קינדער לויפען איהם נאך שרייענד)

קינדער: מיר א עפעל, מיר א עפעל!

יחצאל: חאפט ניט איך וועל אייך אליין געבען (קינדער אב)

בנימין: יחצאל ערצעהל מיר פאר וואס האט איהר זיך אזוי לאנג אויף דער רייזע געזאמט?

יחצאל: וואס ווייסטו בנימטשיקעל וואס עס איז געוועזען? מיר האבען געהאט צו זינגען און צו זאגען, עס איז נאך

א גליק וואס דו ביזט ניט מיט געוועזען, דען אזא קינד ווי דו וואלסט
פאר שרעק אליין געשטארבען.

בנימין: יחצאל ערצעהלע מיר שנעלער וואס איז דארט געשעהן? זענט איהר אלע צוריק געקומען?

יחצאל: געוויס אלע נור איין שמעון פעהלט.

בנימין: שמעון פעהלט? ערצעהל געכער לעבט ער אדער ער איז טוידט?

יחצאל: ער איז ניט טוידט, ער לעבט!

בנימין: ערצעהל גיכער, יחצאל וואו איז שמעון געבליבען?

יחצאל: ער איז געבליעבען אין עגיפטען.

בנימין: שמעון צוריק געבליבען און עגיפטען? פאר וואס דען?

יחצאל: הער מיך אוים ס'איז אזוי געוועזען אזוי ווי מיר זענען ארײן נאך עגיפטען האבען מיר בעשלאסען אז מיר זאלען ארײן נאך עגיפטען.

בנימין: נו שוין ערצעהל!

יחצאל: הער זשע מיך אוים. עס איז אזוי געוועזען; האבען מיר בעשלאסען ארײן צו געהן נאך עגיפטען און זוכען יוסף'ן און אז מיר וועלען איהם געפינען און ער איז וואו עס איז א קנעכט וואס זאלען מיר טהון? זאלען מיר געבען געלד וויפיעל מען וועט וועלען און יוסף'ן אויסלײזען.

בנימין: געוויס!

יחצאל: געוויס, געוויס, אז דו וועסט זאגען נו און געוויס וועל איך נישט ערצעהלען.

בנימין: אבער ערצעהל שוין.

יחצאל: האבען מיר זיך בעשלאסען צו געבען געלד וויפיעל מען וועט וועלען און מען זאל יוסף'ן אויסלײזען. וואס וועלען מיר אבער טהון אז דער עגיפטער וועט ניט וועלען אבגעבען יוסף'ן?

בנימין: ערמארדען!

יחצאל: נו געה זשע דו אהין!

בנימין: יחצאל ערצעהל דאך, פלאג מיך ניט.

יחצאל: הער זשע מיך אוים איז אזוי געוועזען. האבען מיר זיך בעשלאסען מיר זאלען זוכען יוסף'ן, אוי יוסף, יוסף! בנימטשיקעל דיך האב איך דאך ליעב... נור יוסף'ן האב איך נאך ליעבער געהאט (וויינט)

בנימין: אבער יחצאל קוועל מיך ניט ערצעהל שוין!

יחצאל: ווארט אוים איך וועל זיך אביסעל אויסוויינען.

בנימין: אך פון דעם אלטען נאר איז קיין ווארט צו בעקומען.

איך וועל בעסער ארײנגעהן צום פאטער און ווען די ברידער וועלען קומען וועל איך שוין אלעס ערפאהרען (אב)

יחצאל: הער זשע מיך אוים ס'איז אזוי געוועזען. האבען מיר זיך בעשלאסען צו זוכען יוסף'ן.... וואס, ער איז גאר אוועק־געגאנגען? אבער שטענדיג איז אזוי ווען איך נעהם זיך עפעס צו ערצעהלען, הערט מען מיך אזוי לאנג ביז מען לאזט מיך איבער אין מיטען דערצעהלען און מען געהט אוועק. איז דא עפעס צו טהון און איך וויל זיך נעהמען צום טהון לאזט מען מיך ניט, זיי טהוען אלסדינג אליין און איך מוז שטעהן פון דערוויטענס און צוקוקען. אך איך אומגליקליכער העלד וואס איך בין! איך זואלט געקענט ווייזען די וועלט אז פון יחצאלען איז ניטא וואס צו לאבען... אז איך בין א העלד דאס ווייס איך, אבער וואו נעהמט מען א פײנד איך זאל זיך מיט איהם שלאגען? איך וואלט איהם שוין געוויזען ווער איך בין! אט לאס איך מיר פארשטעלען אז דאס איז מײן פרײנד (צייגט אויפ'ן זאק) ער איז א עגיפטער און ער האט אבגעקויפט יוסף'ן פאר א קנעכט, וואלט איך צו איהם אזוי געזאגט: וויפיעל געלד ווילסטו מען זאל דיר געבען אום דו זאלסט מיר אבגעבען יוסף'ן צוריק? — א שווײגסט ווילסט ניט קײן געלד? איך פרעג דאך דיך וויפיעל געלד ווילסטו זאלסט מיר אבגעבען יוסף'ן? דו ענטפערסט ניט? זאג, דען איך ווער בײז! און אז איך ווער בײז בין איך נוט בײז! וואס, דו שווײגסט? ציטער ציטער דו עגיפטער פאר מײן שווערד! איך בין אהעלד! וואס, דו ווילסט ניט אבגעבען יוסף'ן? דו ווילסט מיך טאקע מאכען בײז? צעהל איך אב דרײ און דו ענטפערסט ניט ביזטו אטוידטער!? גיעסט אב?.. שווײגסט?... איז איינס נעהם געלד, זאג איך דיר און גיעב איהם אב! שווײגסט?!... איז צווײ!... ענטפער ווארום איך בין שוין גוט בײז! שווײגסט? איז צווײ מיט א האלב זאג אב ווידוי דען אט זאג איך שוין דרײ און עס וועט שוין זײן פערפאלען! נעמסט ניט קײן געלד?... שווײגט? דרײ נא נא נא נא (ער שלאגט דעם זאק ער פאלט די ברידער ערשיינען יהודה הויבט איהם אויף)

יהודה: וואס איז דא געוועזען?

יחצאל: זאל ער מיר אבגעבען יוסף'ן, דער עגיפטער!

יהודה: וואס פאר א עגיפטער?

יחצאל: (ווייזט אויפ'ן זאק) אט דער!

יהודה: וואס פאר א עגיפטער עס איז דאך גאר אזאק!

יחצאל: אזאק? און איך האב געמײנט אז דאס איז איין עגיפטער און ער האט אבגעקויפט יוסף'ן פאר א קנעכט, נו לאס איך שוין געהן (אב)

ראובן: יעצט ברידער בעפאר מיר רעדען מיט'ן פאטער מוזען

מיר וויסען וואס מיר האבען צו טהון. מיר מוזען איהם ערצעהלען פון אלעם וואס עס האט מיט אונז פאסירט אין עגיפטען אויך פון שמעון'ס צוריק בלייבען ביים וויצעקעניג, נור נישט דעם פאטער איבער־שרעקען. און אויך דעם פערלאנג פון וויצעקעניג אונזער יונגסטען ברודער בנימין נאך עגיפטען צו ברענגען. איך מיין דאס דו יהודה וועסט מוזען איבער נעהמען די ארבייט אויף זיך, אפשר וועט דיר געלינגען דעם פאטער איבער צו רעדען ער זאל מיט אונז מיטשיקען אונזער ברודער בנימין.

יהודה: זעהר שיין ברודער! איך האף אז איך וועל דאס אויספיהרען. נור דו ראובן וועסט מיך אויך מוזען בעהעלפיג זיין. א דער פאטער קומט!

(יעקב ערשיינט מיט די איניקלעך)

אלע: פריעדען צו דיר, פאטער!

יעקב: פריעדען צו אייך מיינע ליעבע קינדער!... וואו איז שמעון? וואס איז געשעהן? וואו איז שמעון?

יהודה: שרעק דיך נית פאטער שמעון לעבט און איז געזונד, נור ער האט געמוזט צוריק־בלייבען אין עגיפטען ביז מיר וועלען צוריק קומען.

יעקב: אבער אום גאטעס ווילען! פארוואס איז שמעון געבליעבען אין עגיפטען און צו וואס דארפט איהר נאך צוריקקעהרען?

יהודה: ליעבער פאטער, קענסט זיך ערינערן וואס דו האסט אונז בעפוילען דאס מיר זאלען אין דער שטאדט יעדער דורך פערשיעדענע טויערן אריינגעהן פיליכט וועלען מיר אויסגעפינען אונזער פערלארענעם ברודער יוסף.

יעקב: יוסף! יוסף!...

יהודה: דריי טעג און דריי נעכט זענען מיר ארום־געגאנגען איבער דער שטאדט, אבער מיר האבען קיין שפור פון יוסף'ן נית געפונען. אויף דעם דריטען טאג זענען מיר גערופען געווארען צום וויצעקעניג פון עגיפטען און ער האט אונס אלעס שפיאנען ערקלעהרט דערפאר וואס מיר זענען דורך פערשיעדענע טויערן אין שטאדט אריין, מיר האבען איהם געזאגט דעם אמת אז מיר זוכען א פערלארענעם ברודער און מיר זענען געקומען קויפען קארען. אבער ער האט אונז נית געוואלט גלויבען, ער האט אונז בעפרעגט פון יעדען איינצעלנען געגענשטאנד: אויב מיר האבען א פאטער און אויב מיר האבען נאך ברידער, נאטירליך האבען מיר איהם דעם אמת געזאגט. צום ענדע האט ער אונז געזאגט אז דאמאלס וועט ער אונז גלויבען אז מיר זענען קיין שפיאנען ווען מיר וועלען איהם ברענגען אונזער ברודער בנימין.

יעקב: צו וואס האט איהר איהם דאס אלץ ערצעהלט?

יהודה: פאטער, האבען מיר דען געקענט פאראויס וויסען דאס ער וועט פערלאנגען בנימינ'ן צו זיך? — און דאמיט ער זאל פערזיכערט זיין אז מיר וועלען איהם בנימינ'ן צו־שטעלען האט ער אלס משכון שמעון'ן ביי זיך פערהאלטען.

יעקב: א קינדער, קינדער! וואס מאכט איהר פון אייער אלטען פאטער? האב איך צו אייך געשיקט יוסף'ן זעהן וואס איהר טהוט, האט איהר מיר געבראכט זיין זיידען העמדעל מיט בלוט, שיק איך אייך נאך עגיפטען קארען קויפען, קומט איהר צוריק אהן שמעון'ן און איצט ווילט איהר נאך מיין לעצטען טרייסט פון מיר אויך צו נעהמען! א קינדער, קינדער! ווילט איהר שוין מיין גרויען עלטער אין גרוב זינקען? אה ניין! איך וועל מיין ליעבען בנימינ'ן נית אוועקלאזען פון זיך?

ראובן: פאטער בעדענק זיך! דער הונגער איז גרויס, מיט געגעבען האט ער אונז ווייניג קארן. אום מיר זאלען געצוואונגען זיין נאך אמאל זיך צוריק צוקעהרען. וואס וועט זיין אז מיר וועלען ציינערן? מיר וועלען דאך פון הונגער שטארבען. פאטער, ליעבער פאטער! גיעב איבער דאס קינד אויף מיינע הענד, איך וועל דיר איהם געזונד און פריש ברענגען צוריק און פאלס איך ברענג איהם נית צוריק זא זאלסטו מיינע קינדער טוידטען!

יעקב: וואס רעדסטו אונבעזאנענער? זענען דען דיינע קינדער אויך נית מיינע? ניין ליעבער בנימין דו געהסט נית! דו בלייבסט ביי דיין פאטער! אין דיעזע ביטערע ליידען ביזטו מיין לעצטער טרייסט. ניין, ניין אויף איין מינוט קען איך דאס קינד פון זיך נית אוועקלאזען.

יהודה: פאטער, ליעבער פאטער! טרוי אן דאס קינד אויף מיינע הענד! ווי מיר שיינט זאל דער הערשער פון עגיפטען איין ערהרענמאן זיין. ער האט אונז פערשפראכען נאך הויזע צו שיקען מיט פיעל עהרע און פריידע ווען מיר וועלען איהם צושטעלען אונזער ברודער בנימין! און זיין פערשפרעכען איז אזוי ערנסט געווען דאס מיר מעגען איהם גלויבען אבער פאטער זאל דיזער שטאלצער עגיפטער זיין פערשפרעכען נית האלטען, איז דיר יהודה'ס העלדענמוטה גוט בעקאנט. פערטרויע איהם פאטער אויף מיינע הענד, געזונד מונטער שטעל איך איהם דיר צו אויף דעם זעלבען ארט פון וואנען איך האב איהם גענומען.

יעקב: ווי אזוי הייסט דער הערשער?

יהודה: זיין נאמען איז צפנת פענח!

יעקב: צפנת פענח!.. אה ניין! איך קען דאס קינד נית איזעק־

לאזען פון זיך, דאס אומגליק פון זיין פערלארענעם ברודער שטעהט מיר נאך פאר מיינע אויגען.

בנימין: פאטער! ווערסטו ערלויבען דעם יונגסטען פון דיינע קינדער אפאר ווערטער צו רעדען?

יעקב: רעד, רעד מיין ליעבער בנימין דיין פאטער הערט דיך גערן.

בנימין: ווער נאך אויסער דיינע קינדער קענען זיך ריהמען מיט אזא פאטער ווי דו ביזט? אבער דאך פאטער איז דיין הערץ אזוי צערשמעטערט פון דאס אמאליגע אומגליק וואס דיך האט געטראפען. זיי אבער ניט אזוי פערצווייפעלט, ליעבער פאטער! דער ליעבער גאט וועט דיך ביי דיין לעבען אזוי שווער ניט שטראפען זאל דען דאס זיין דער לוין פון דיין גרויס־פאטער אברהם וואס ער האט זיך געלאזט אין קאלך־אויווען ווארפען צוליעב זיין הייליגע אמונה? זאל דען דאס זיין דער לוין פון דיין פאטער יצחק וואס ער האט זיך געלאזט בינדען אויף דער עקידה. אלס קרבן צוליעב זיין הייליגען נאמען? א ניין, עס איז אונמעגליך! דו ווערסט אפשר בעטראכטען דיין בנימינ'ן פאר צו קינדיש אבער דאך מוז איך דיר זאגען דאס מיין הערץ איז מיר פול האפנונג דאס דו ווערסט נאך אמאל דיין פערלוירענעם זוהן יוסף ווידער זעהען. אונזער גאט איז בארמהערציג, ער וועט ביי זיין טרייען קנעכט יעקב ביי זיין לעבען קיינע קינדער צונעהמען. בעטראכט פאטער די טרויעריגע געזיכטער פון דיינע קינדער! האבען מיר דען יעצט א אנדער אויס־וועג? זאל דען דארט צוליעב מיר, שמעון ליידען? א ניין פאטער! טרויע אן דיין יהודה! איבערהויפט ווי מיר הערען זאל דער הערשער פון עגיפטען איין עהרענמאן זיין און ער וועט מיר געוויס קיין שלעכטעס ניט טהון. ליעבער פאטער! זיי ניט אזוי פערצווייפעלט, גיעב אונז מיט דיין זעגען אויפ'ן וועג, מיר פראפעצייעט מיין הערץ, דאס דיזע רייזע וועט אונז פערשאפען פריידע איבער פריידע!

יעקב: זיי געבענשט פון גאט מיין ליעבער בנימין פאר דיינע טרייסט ווערטער אלמעכטיגער גאט אין הימעל! צו דיר הויב איך אויף מיינע אויגען. הער צו דאס געבעט פון דיין טרייען קנעכט יעקב, בעשיצע מיינע קינדער, נעם זיי אונטער דיינע פליגעל, שיק דיינע גוטע מלאכים, זיי זאלען שיטצען מיין ליעבען בנימינען עס זאל איהם חלילה קיין שלעכטעס געשעהן, שיק אויך דיין זעגען אויף דעם הערשער צפנת פענח ער זאל מיינע קינדער צוריק קעהרען בשלום. געהט מיינע ליעבע קינדער בשלום מיט גאטעס זעגען און אייער ווידערקומען זאל אונז ברענגען פריידע איבער פריידע!

כאר: ציינער נישט פאטער, ציינער נישט פאטער!

דיין זעגען גיעב אונז מיט אויף דעם וועג

פערטרוי דיין יהודה גיעב איהם מיט דאס קינד
גיעב ליעבער פאטער שרעק דיך נישט
גיעב איהם מיט דאס קינד

יהודה: פאטער הער מיך אויך פאטער
גיעב איהם איבער מיר — (בים)
אויף מיינע הענד ביי גאט שווער איך דיר
איהם ברענגען צוריק
דיין זעגען גיעב אונז מיט
אויף דעם וועג מיט גליק מיט גליק
פאטער א צעגער ניט פאטער
מיר קומען באלד צוריק.

יעקב: נאך איז פריש דער שמערץ
געבראכען איז שוין דאס אלטע פאטער הערץ
ווי וועל איך עס נאך ערטראגען אצינד
צו פערלירען חלילה דאס צווייטע קינד } בים

בנימין: גרויס איז מיין ליידען, עס שמערצט אהן א שיעור
ווי מיין פאטער קוועלט זיך אזוי דורך מיר א א א א!
א הער ווי עס בעט זיך יעדער בעזונדער
אויף דיינע זעגען ווארטען אלע דיינע קינדער
דו אליין מיט דיינע קינדער פלעגסט לערנען אזוי

יעקב: וואס פלעג איך מיט אייך ליעבע קינדער לערנען אזוי?

בנימין: (זינגט) גאט בעפעהלט נאט... א. ז. וו...

פארהאנג פאלט

פיערטער אקט.

(ביי יוסף'ן די ברידער קניען פאר איהם)

אלע: זיי געגריסט פון אונז אלע ברידער
צו דיר צו דיר קומען מיר שוין ווידער
מיר קניען מיר קניען
מיר קניען פאר דיין הערליכקייט (בים)

יהודה: דיין וואונש גרויסער הערשער איז געשעהן
דעם יונגסטען פון אונז האסטו פערלאנגט צו זעהן
פון דעם פאטער און פון אונז אלע געליעבט נאר אהן
א שיעור

בנימין דיין קנעכט דער שטעהט פאר דיר

יוסף: (צו בנימין) ביזטו דער בנימין מיין שעהנעס ליעבעס קינד
זא זיי מיר הערצליך ווילקאמען אצינד
יא עס פרייט מיך דיך צו זעהן
יא עס פרייט מיך אהן א שיעור
גאט זעגנע דיך דאפיר
א ווי שווער מיר איז זיך האלטען צוריק.

בנימין: א ווי גוט איז ער ווי פריינדליך איז זיין בליק.
פאלען אויף זיין האלז אין דעם אויגענבליק

יוסף: מנשה! געה ברענג זיי ארוין זייער ברודער צוריק

כאר: א אונזער ברודער שמעון, אונזער ברודער
זעהען מיר שוין ווידער

יוסף: אבער מיינע פריינד נאך איין אויגענבליק
דאן וועט איהר געהן אין פריעדען צוריק.

די בריעדער: עס זאל געשעהן עס זאל געשעהן

יוסף: מנשה מיין צויבערבעכער ברענג מיר געשווינד. איך מו
פון איהם אלעס ערפאהרען אצינד (עס געשיהט, זינגט)
אלע ברידער מוזען זיצען צוזאמען
ברידער פון איין מוטער, לאה איז איהר נאמען
דן נפתלי מוזען זיצען צו זאמען
ברידער פון איין מוטער, בלהה איז איהר נאמען
גד און אשר מוזען זיצען צו זאמען
ברידער פון איין מוטער, זלפה איז איהר נאמען.
איך האב אלעס געטראפען חא חא חא
מיין צויבער־בעכער ענטדעקט מיר די גרעסטע געהיימניסע
אבער בנימין דער יונגסטער – וואס טהוט מען יעצט
ער האט קיין פאר און איז געבליעבען צולעצט
ווילסטו מיין קינד, עס וועט מיך פרייהען } בים
פאר דיין פאר נעהם מיך אליין.

כאר: עס איז וואונדערבאר ווי אזוי דאס איז געשעהן בים אלע אב

בנימין: דום דארף זיין דער, ווער עס גלויבט דאס דיעזער
בעכער איז אומשטאנד געהיימניסע צו ענטדעקען. וועך
זויים דורך וואס פאר א צופאל ער האט ערפאהרען אונזערע אלע
נעמען און שפילט פאר אונז א ראלע פון א אלטוויסענדער. נור דאך
איינס קען איך ניט בעגרייפען. פאר וואס האט דער גרויסער
הערשער אויף מיר אזא איינדרוק געמאכט? פון דעם ערשטען
מאמענט וואס איך האב איהם דערזעהן וואלט איך שוין אויף זיין
האלז געפאלען און צו מיין הארצען געוואלט צודריקען, אזוי ליעבליך

אזוי גוט קומט ער מיר פאר! אך, איך הער איהם קומען! מען
דארף זיך ניט צייגען פאר איהם אזוי שוואכהערציג, דען עס פאסט
ניט פאר א בן יעקב.

יוסף: (קומט) פערצייהע מיר ליעבער בנימין וואס איך האב דיך
אזוי לאנג געלאזט ווארטען אליין. איך האב דיינע ברידער
צום טיש בעגלייטעט, דען העברעער מיט עגיפטער קענען ביי איין
טיש נים עסען. איצט ליעבער בנימין זענען מיר אליין, ווילסטו
מיר דאס פערגניגען צו־טיילען און מיט מיר אליין פערברענגען?

בנימין: איך וועל ערפיהלען וואס דער גרויסער הערשער וועט
בעפעהלען!

יוסף: שעהן מיין קינד... זעץ דיך... ערצעהל מיר מיין קינד
ווי געהט עס דיין אלטען פאטער אין געזונד? ערצעהל
מיר אלץ, ליעבער בנימין אך דו קומסט מיר פאר ווי דו וואלסט
מיינער א ברודער געוועזען.

בנימין: קען איך פרעגען דעם גרויסען הערשער פאר וואס איך
האב ביי דיר אנגעבערען איינדרוק געמאכט פאר
מיינע איבריגע ברודער?

יוסף: ווייל אויך מיך האט אזא אונגליק געטראפען ווי ביי
דיר, ביי מיר איז אויך א עלטערער ברודער פערלארען
געגאנגען.

בנימין: און דו אלס גרויסער הערשער בינסט נים אים שטאנדע
איהם אויסצופינדען?

יוסף: איך האב שוין געפרעגט אבער איך האב קיין שפור.
נון ערצעהל ליעבער בנימין ווי אזוי איז דיין ברודער
פערלארען געווארען?

בנימין: איין טאג האט איהם מיין פאטער געשיקט נאך שכם
צו מיינע ברידער, ער איז אוועק און איז שוין מעהר
נים צוריק געקומען אויף דעם צווייטען טאג זענען מיינע ברידער
פון פעלד געקומען און האבען געבראכט זיין זיידען העמדעל
צוריסען און מיט בלוט.

יוסף: צוריסען און מיט בלוט...

בנימין: אה, ווער איז אימשטאנדע צו ערצעהלען די מיליאנען
טרעהרען וואס מיין אלטער פאטער האט זייט יענער
צייט פערגאסען!

יוסף: א פאטער, פאטער! ווי גרוים זענען דיינע שמערצען! (וויינט)

בנימין: וואס? דו וויינסט?

יוסף: ווי אזוי זאל דאס הערץ נים ברעכען אויף אזא אונגליקליכען
פאטער!

בנימין: דו ביזט זעהר אַ גוטער מענש!

יוסף: אַזוי? האַלסטו מיך ווירקליך פאַר אַ גוטען מענשען? זאָג מיר ליעבער בנימין, איז דײַן פערלאָרענער ברודער אויך געוועזען אַ גוטער מענש?

בנימין: ער איז געוועזען אַזוי גוט, אַזוי ליעבענס־ווירדיג!

יוסף: און ווי גלויבסטו, ליעבער בנימין? האָפט נאָך דײַן פאַטער זײַן פערלאָרענעם זוהן ווידער צו זעהען?

בנימין: יאָ, מיר האָבען נאָך די האָפנונג ניט פערלאָרען. דען אונזער גאָט איז באַרמהערציג, ער וועט בײַ זײַן טרײַען קנעכט יעקב קיין קינד בײַ זײַן לעבען ניט צו נעמען און מײַן אַלטער פאָטער וועט נאָך פאַר זײַנע לײַדען פיעל פרײַדע האָבען.

יוסף: יאַ, דײַן אַלטער פאַטער זאָל דאָס דערלעבען! איך שווער עס!

בנימין: דו שווערסט? ווייסטו אפשר פון מײַן פערלאָרענעם ברודער! זאָג, זאָג גרויסער הערשער (קניעט).

יוסף: שטעה אויף ליעבער בנימין? זײַ נישט אַזוי איבעראַשט, עס קען נאָך אַלעס קומען. נון זאָג מיר ליעבער בנימין, לויט דו ערצעהלסט מיר ווען דײַן ברודער איז פערלאָרען געגאַנגען בינסטו נאָך אַ קלײַן קינד געוועזען און דו האָסט איהם דאָך גאָר ניט געקענט.

בנימין: איך בין נאָך גאַנץ קלײַן געוועזען, אָבער זײַן בילד שוועבט מיר אַלעמאַל פאַר מײַנע אויגען. פאַסט יעדע נאַכט זעה איך איהם אין מײַנע חלומות, אפילו וואַכענד ווען איך וויל איהם זעהן מאַך איך נור פעסט מײַנע אויגען דאַן זעה איך איהם באַלד.

יוסף: אַזוי? נו מאַך איצט צו דײַנע שעהנע אויגען און שטעל זיך פאָר ווי זעהט ער אויס!

בנימין: (פערמאַכט די אויגען) דאָ דאָ זעה איך איהם, דאָ איז זײַן שעהנעס בילד, אַזוי ליעבליך, אַזוי מילד, דאָ פאַלט ער מיר אויף מײַן האַלדז דאָ דריקט ער מיך צו זײַנער ברוסט — אַ גרויסער הערשער!

יוסף: נײַן, זאָג ניט — גרויסער הערשער! זאָג — ברודער! איך בין דײַן פערלאָרענער ברודער יוסף, נישט אין דער פאַנטאַזיע נור און דער ווירקליכקײַט אומאַרמסטו דײַן ברודער... בנימין, איך בין דײַן ברודער.

בנימין: דו, גרויסער הערשער, ביזט מײַן ברודער? איז עס מעגליך? דו, מײַן ברודער? (אומאַרמונג) לאָז מיך איך

זועל לויפען מײַנע ברידער די גוטע נאַכריכט אָנזאָגען.

יוסף: שטעה. ליעבער ברודער! איך וויל מיך נאָך צו זײַ ניט ערקענען, דען איך וויל נאָך מיט זײַ אַ ביסעל שפּאַסען איך וועל זעהן צו זײַ וועלען מיך אַנערקענען?

בנימין: צווײַפעלסטו ליעבער ברודער, צו זײַ וועלען דיך וועלען אַנערקענען אין אַזאַ גרויסען שטאַנד ווי דו ביסט, בשעת זײַ רעכענען אַז דו ביסט פערקויפט פאַר אַ קנעכט?

יוסף: איך מוז צווײַפלען, דען זײַ האָבען מיך צו די מדינים פאַר אַ קנעכט פערקויפט.

בנימין: און דאָס זענען די בני יעקב אים שטאַנד געווען צו טהון מיט זײַער איינענעם ברודער?

יוסף: יאַ, ליעבער בנימין! אָבער גאָטעס ווילען איז אַזוי געוועזען, ער האָט אַנדערש געמײַנט מיט מיר ווי דו זעהסט מיך יעצט און דעריבער וויל איך איצט זעהן צו מײַנע ברידער בערײַהען זײַער אַמאָליגען טהאַט. הער נור אויס וואָס איך וועל טהון, איך וועל יעצט נעהמען דעם גאָלדענעם בעכער און איך וועל איהם אַרײַנלעגען אין אַ זאַק קאָרן און וועל אײַך שיקען נאָך דויזע און גלײַך נאָכדעם וועל איך אײַך אומקעהרען זאָגענדיג אַז איזהר האָט בײַ מיר מײַן בעכער אוועקגעגנבה'ט, די גנבה וועט מען בײַ דיר געפינען, איך וועל דיר אַלס גנב ערקלעהרען און וועל דיך צו מיר אַלס קנעכט בעהאַלטען. דאַן וועל איך זעהן, וועלען זײַ זיך פאַר דיר אָננעהמען איז אַ צײַכען אַז זײַ האָבען חרטה וואָס זײַ האָבען נעגען מיר אַמאָל געטהון.

בנימין: עס טוט מיר אַפילו לײַד מײַנע ברידער אַזוי פיעל שמערצען צו פערשאַפען, נור אום דיר צו איבערצײַגען דאָס זײַ האָבען חרטה אויף זײַער טהאַט בין איך צופריעדען דיר צו העלפען דערין.

יוסף: און דאַן וועט קומען די גליקליכע צײַט און מיר וועלען אַלע גליקליך לעבען.

ביידע: (זינגען) מיר דאַנקען דיר גאָט
פאַר דײַנע גרויסע וואונדער
יאַ וואונדער טהוסטו גאָר אָהן צאָהל } ביז

בנימין: נאָך אַלס קינד צוריק
געלאָזען האָסטו מיר
אָבער דײַן ליעב בליק
האָב איך אַלעמאַל געזעהן פאַר מיר.
שטענדיג האָסטו פאַר מײַנע אויגען געשוועבט,
שטענדיג מיט האָפנונג געלעבט
טאָג און נאַכט מיט בעטען פערבראַכט

מײַן ברודער יוסף צו זעהן
אונ יוסף'ן, מײַן ברודער, האָב איך שוין ווידער } ביִם
אַך נאָט האָט ערהערט מײַן געווייִן

ביידע: מיר דאַנקען דיר גאָט א. ז. וו. (בנימין אב)

יוסף: (רופט) מנשה, אפרים קומט אַרײַן! (עם געשיהט) מײַנע קינדער איך האָב אייך שוין לאַנג געזאָגט אַז די זענען מײַנע ברידער און פאַר וואָס איך דערקען זיך ניט פאַר זיי. יעצט ליעבער מנשה, דו נעהם דעם בעכער און לייג עם אַרײַן אין בנימין'ס זאַק און ווען זיי וועלען אַוועקגעהן זאָלסטו זיי צוריק רופען מיט אַ חשד דאָס זיי האָבען בײַ מיר דעם בעכער געגנבה'ט.

מנשה: אויגענבליק פאַטער! (אב)

יוסף: און דו אפרים נעהם דאָס געלד וואָס זיי האָבען בעצאָהלט פאַר די קאָרן און לעג עס אַרײַן צוריק אין די זעק און זאָג אָן די עגיפּטער דאָס קײנער זאָל וואַגען די העברעער צו אַטיקירען.

אפרים: איך געה טהון וואָס דו הייסט מיר (אב. עס קומען אַריין מנשה מיט די ברידער)

מנשה: דאָ זענען די העברעער, פאַטער!

יהודה: גרויסער הערשער! דו האָסט אונז געלאָזט רופען מיט אַ חשד דאָס מיר האָבען בײַ דיר אַ בעכער געגנבה'ט. וועסטו מיר פערצייהען גרויסער הערשער, ווען איך וועל דיר וואַגען צו זאָגען דאָס אַ בן יעקב וועט קיין גנב ניט זײַן.

יוסף: מײַן צויבער בעכער פעהלט מיר דאָך און איך שווער בײַם קעניג פרעה דאָס קײנער האָט איהם ניט גענומען אויסער איינער פון אייך.

יהודה: קענסט לאָזען אונטער זוכען אונז אַלעמען וועסטו זיך איבערצייגען אַז מיר זענען אונשולדיג.

יוסף: דאָס וועלען מיר גלייך זעהן, מנשה שנעל זאָל איבערגעזוכט ווערען די זעק פון די העברעער. (מנשה אב)

יהודה: זעהר שעהן גרויסער הערשער! און זאָל דער בעכער געפונען ווערען בײַ איינעם פון אונז זאָ זאָל יענער געטוידטעט ווערען און מיר אַלע בלײַבען דײַנע שקלאַפען.

יוסף: אָ נײַן! אַזוי שטרענג וועל איך געגען אייך ניט האַנדלען איך וועל נור טהון דאָס, וואָס די געזעצע אונז פאַרשרײַבען, דעריענער בײַ וועמען די גנבה וועט זיך געפונען דער בלײַבט מײַן קנעכט און איהר אַלע קענט געהן אין פריעדען אַ היים.

יהודה: זעהר שען, גרויסער הערשער! (מנשה קומט מיט דעם בעכער)

מנשה: דאָ איז דאָס בעכער

יוסף: בײַ וועמען האָסטו עס געפונען?

מנשה: בײַם יונגסטען פון זיי, בנימין.

יוסף: נו, וואָס זאָגט איהר יעצט מײַנע עהרליבע לייט?

יהודה: יאָ גאָט שטראָפט אונז פאַר אונזערע זינד מיר בלײַבען אַלע דײַנע קנעכט.

יוסף: אָ נײַן! איך האָב פריהער געזאָגט אַז נור דער איינער וואָס בײַ איהם איז דער בעכער געפונען געוואָרען דער בלײַבט מײַן קנעכט אָבער איהר אַלע זענט פרײַ. מנשה נעהם דעם יונגסטען פון זיי בנימין און פערשפאַר איהם אין קערקער. דרײַ טעג און דרײַ נעכט זאָל איהם קיין עסען און קיין טרינקען נעגעבען ווערען און יעדען טאָג זאָל ער בעקומען הונדערט שמיץ. שנעל! (מנשה וויל נעהמען בנימין'ן)

אלע: שטעה! האַלט!

יוסף: אָבער מײַנע פרײַנד פערגעסט ניט וואו איהר געפינט זיך (מנשה און בנימין אב) יעצט קענט איהר געהן אין פריעדען, גריסט פון מײַנעט וועגען אייער אַלטען פאַטער, זאָגט איהם אויב יענער פערלאָרענער זוהן איז אויך אַזוי אָרענטליך געוועזען ווי דיזער זוהן, זאָ מעג ער שוין אויפהערען צו קלאָגען נאָך איהם, אַ גליקליכע רייזע! (אב)

יהודה: הערט מיך אויס, מײַנע ברידער! ווי מײַן נאָמען איז יהודה אַז בנימין איז ריין פון שולד, אַבזיכטליך איז דער בעכער אַרײַנגעלעגט געוואָרען אום אונז דאָ צו פערהאַלטען, פון אַנפאַנג אָן האָט זיך דער שטאָלצער עגיפּטער פאָרגענומען אונז צו פערפאָלגען — אָבער וועה איז דיר מיט דײַן גאַנץ לאַנד ווען איך וועל געצוואונגען זײַן מײַן שווערד אוים דער שייד צו ציהען, הערט מיך אוים מײַנע ברידער! איך וועל פראָבירען מיט דעם שטאָלצען עגיפּטער נאָך אַ מאָל צו רעדען אפשר וועט ער מיר אָבגעבען בנימינ'ן און ווען ניט זאָ זאָלען מיר אונזערע שווערדען בענוצען, ברידער! לאָמיר די שטאָדט אין צוועלף טיילען צוטיילען מיר זענען 10 און איך נעהם אויף זיך 3 טיילען. דו נפתלי ביזט דער פלינקס־טער צו לויפען בײַם ערשטען סיגנאַל מיר אַ צייכען צו געבען און דאָס וואָס שמעון און לוי האָבען געטהון מיט שכם פאַר אונזער שוועסטער דינה זאָלען מיר איצט טהון מיט דער שטאָדט פאַר אונזער ברודער בנימין, זאָלען די עגיפּטער פיהלען וואָס די בני יעקב זענען אים־שטאַנדע צו טהון.

אלע: הידד! (אב)

יהודה: (קלאַפּט אין טיר) העָ! העָ!

מנשה: (קומט אריין) וואָס פערלאַנגסטו?

יהודה: געה זאָג דײַן פאַטער דאָס איך פערלאַנג מיט איהם צו רעדען

מנשה: עס געהט ניט! דער שולדיגער מוז זיין שטראָף בעקומען און איהר קענט זיך געהן אין פריעדען.

יהודה: געה זאָג דיין פאָטער דאָס איך פערלאַנג מיט איהם צו רעדען האָסטו פערשטאַנען?

מנשה: אָבער ניט אַזוי אויפגערעגט (גיעט איהם א קלאַפּ אין פּלייצע אב)

יוסף: (קומט אריין) ווער וואַגט עס מיר צו שטערען?

יהודה: איך וואַג עס! האָסטו מיטגעבראַכט דיין צויבער בעכער טו פרעג איהם ווער איך בין און וואָס איך בין אים שטאַנד צו טהון.

יוסף: וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּראַך געגען מיר?

יהודה: דאָס איז די שפּראַך פון איין פערצווייפעלטען ביי וועלכען מען האָט מיט אונרעכט זיין ברודער צו גענומען, דאָס איז די שפּראַכע פון איינעם העלדען וועלכען עס טהוט וועה, דאָס איז די שפּראַכע פון איין גוטמיטהיגען מענשען וועלכער פאָרערט נור גערעכטיגקייט דאָס אונשולדיגע זאָלען ניט ליידען.

יוסף: וואָס פערלאַנגסטו פון מיר?

יהודה: איך פערלאַנג מיט דיר צו רעדען!

יוסף: שעהן איך וויל דיך אויסהערען, רעד!

יהודה: גרויסער הערשער! אַבוואָהל איך בין איבערצייגט דאָס בנימין איז אונשולדיג, אַבזיכטליך האָט מען איהם דעם בעכער אין זיין זאַק אַריינגעלעגט, נור איך בעט דיך לאָז איהם פריי און נעהם מיך אויף זיין אָרט. ער איז יונג און שוואַך, פון איהם קענסטו קיינע נוצען האָבען, איך דאַגעגען בין גענוג שטאַרק און קרעפטיג קענסט פון מיר פיעל נוטצען האָבען.

יוסף: עס טוט מיר זעהר לייד גרויסער העלד דיר אָבצוזאָגען, דען ליידער מוז איך טהון ווי די געזעצע מיר פאָרשרייבען דער יעניגער ביי וועמען די גנבה איז געפונען געוואָרען דער מוז בלייבען מיין קנעכט, אָבער דו ביסט פריי, נור איינענטליך וואָלט איך וועלען וויסען וואָרום שטעלסטו זיך מעהר אַרויס אַלס אַלע דיינע ברידער?

יהודה: וייל מיר האָט דער פאָטער אַנפערטרויט, אויף מיינע הענד האָב איך איהם איבערגענומען און איך קאָן אָהן בנימין צום פאָטער ניט קומען.

יוסף: דאָס איז גראַדע אַ קליינינקייט, טהוט דאָס, וואָס איהר האָט געטהון מיט יענעם פערלאָרענעם ברודער, נעמט אַ זיידען העמדיל, צורייסט עס שמירט עס איין אין בלוט און זאָגט דאָס אַ ווילדעס טהיר האָט איהם צורייסען. נור אום זיך צו

בערוהיגען שענק איך דיר מיין בעכער פאַר דיין ברודער.

יהודה: ווי איך זעה האָסטו זיך פאָרגענומען ניט נור אונז צו פערפאָלגען; זאָנדערן אויך מיט דיינע רעד אונז וועה צו טהון.

יוסף: וואָס? האַנדעל איך ניט גענוג אָרענטליך געגען אייך? איז דען אייער ברודער מעהר ווערטה אַלס דיזעס בעכער?

יהודה: אָפשר ביי אַ עגיפּטער האָט אַ ברודער מעהר נישט דאָס ווערט ווי אַ שטיקעל זילבער אָבער ביי מיר ווילסטו נעהמען אַ ברודער פאַר זאָ וואָס? און ווען דו גיסט מיר דאָס רייכטהום פון דאָס גאַנצע לאַנד גיעב איך דיר מיין ברודער?!

יוסף: און פאַר וואָס האָט איהר יענעם ברודער בלויז פאַר 20 זילבער פערקויפט? דו שטוינסט? פאַר מיין צויבער בעכער זאָלסטו זיך היטען פאַר איהם זענען ניטאָ קיינע געהיימניסע.

יהודה: נאָך איין מאָל זאָג איך דיר גיעב מיר מיין ברודער צוריק!

יוסף: און ווען אַלע קעניגע פון כנען וועלען אַהער קומען וועט איהר בנימין'ן פון מיינע הענד ניט בעפרייען, דאָס שווער איך ביים קעניג פרעה.

יהודה: דיין קעניג פרעה איז אויך אַזאַ ליגנער ווי דו, און דו נאָך פיעל מאָל אונפערשעמטער אַלס ער! וועה דיר און דיין גאַנץ לאַנד ווען איהר וועט די בני יעקב אונרעכט טהון. גאָט איז מיין עדות דאָס איך גיעב מיר די גרעסטע מיהע מיין צאָרן איינצוהאַלטען, נאָך רוהט מיין שווערד אין איהר שייד, נאָך זענען די גאַסען פון עגיפּטען מיט בלוט ניט פערגאָסען, נאָך איין מאָל זאָג איך דיר גיעב מיר מיין ברודער צוריק, זאָנסט וועל איך גע-צוואונגען זיין...

יוסף: דו האַלסט זיך ווירקליך פאַר אַזאַ גרויסען העלדען? גלויבסטו דאָס עגיפּטען האָט קיינע העלדען צו בעווייזען? זאָ וואַהר ווי דער קעניג פרעה לעבט דאָס מיט איין מינוט שפּעטער וועסטו גאַנץ אַנדערש דענקען

יהודה: חאַ חאַ חאַ שוואַכע פליעגען!

יוסף: נאָך איין מינוט וועסטו אַנדערש לאַבען האַלאַ! (ער פּאַטשט מיט די הענד עס קומען עגיפּטישע העלדען) נו מיין העלד ביזט מיין געפאַנגענער, ביטע אום דיין שווערד!

יהודה: מיין שווערד? היער איז מיין שווערד און מאַכט פּלאַץ דעם לייב איהר שוואַכע פליעגען (ער לויפט צו זיי ווי ענט-לויפען ער נאָך זיי עס הערט זיך שטורמען און קעמפּפען)

בנימין: (לויפט אריין) אַ יוסף וואָס האָסטו געטהון? ביזט צו וויט געגאַנגען איך שרעק מיך זעהר עס זאָל דיר עטוואָס ניט געשעהען, שנעל אום גאָטעס ווילען רוף זיי צוריק איך בעט דיך!

יוסף: אָבער קינד בערוהיגע דיך. ציטער נישט אַזוי! עס איז קיין געפאַהר נישט פאַר זיי אויך נישט פאַר מיר אין געגענטייל איך בין צופריעדען וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגענהייט דאָס די עגיפּטער זאָלען וויסען ווי די בני יעקב צו רעספּעקטירען שפּעטער ווען זיי וועלען זיין ביי מיר אין עגיפּטען

בנימין: אָבער לאָז עס שוין אויפהערען, העך הער! (מען הערט סיגנאַלען)

מנשה און אפרים: (אריינלויפענדיג) פאָטער! ליעבער פאָטער! וואָס האָסטו געמאַכט?

יוסף: שנעל געהט זאָגט זיי דאָס זיי זאָלען אויפהערען. איך וועל זיי זייער ברודער בנימין צוריק געבען (מנשה און אפרים אב אין א קורצע צייט קומען זיי צוריק מיט די ברידער וועלכע זעהען אויס ווילד)

יהודה: נו, גרויסער הערשער! איך האָב געהאַט די עהרע בעקאַנט צו ווערען מיט דיינע עגיפּטישע העלדען, מענסט ווירקליך שטאָלצירען מיט זיי, בראַוואָ יונגען מוטהיג ווי די האָזען און שטאַרק ווי די פליעגען חאַ, חאַ, חאַ... גרויסער הערשער דו האָסט אונז געלאָזט רופען מיט אַ פערשפּרעכען אַז דו וועסט אונזער ברודער בנימין צוריק געבען.

יוסף: אייער ברודער וועל איך אייך צוריק געבען, אָבער ערשט פערגעסט ניט אַז איהר שטעהט פאַר דעם הערשער פון עגיפּטען!

יהודה: יאָ דו האָסט רעכט הערשער! ברידער מיינען ביישפּיעל נאָך! (אלע לעגען די שווערדען אין די שיידען צוריק)

יוסף: יאָ אייער ברודער וועל איך אייך צוריק געבען, אָבער וואָס וואָלט איהר געזאָגט ווען איך זאָל אייך אייער פערלוירענעם ברודער יוסף אויך געבען?

יהודה: דו ווייסט וואו ער איז? גיעב איהם אונז איבער! גיעב איהם (פאלט אויף די קניע בעטענד).

יוסף: שטעה אויף! איך וועל אייך איהם באַלד אַריינרופען. נור איין זאַך האָט ער מיך געבעטען איך זאָל אייך זאָגען, אַז ער האָט אייך שוין פערציהען און איהר זאָלט פריי און נישט צוריקגעהאַלטען איהם אומאַרמען ווי צערטליכע ברידער. אַלזאָ מוטה, ער קומט! יוסף, יוסף! קום אומאַרמע דיינע ברידער!.. האַ? ער שרעקט זיך ער האָט מוראַ אֶפשר וועט איהר איהם ניט דערקענען. אַלזאָ הערט דעם צייכען, וועלכען ער האָט מיר געהייסען אייך איבערגעבען נאָך וועלכען איהר זאָלט איהם ערקענען (זינגט:)

געה בעפעהלט נאָט די נשמה א. ז. וו.

נו איז דער צייכען ריכטיג?

אלע: יאָ! אָבער וואו איז יוסף?

יוסף: יוסף?.. נאָך ערקענט איהר ניט אייער ברודער יוסף? איך בין אייער פערלאָרענער ברודער!... ברידער מיינע וואָס שרעקט איהר זיך? (עס קומט אריין בנימין) בנימין זאָג זיי אַז איך בין יוסף!

בנימין: נו? פאַר וואָס אומאַרמט איהר ניט אייער ברודער יוסף?

ראובן: גאָט!.. איז דאָס מעגליך?... דו ביזט מיין ברודער יוסף? אָ מיין ברודער!

שמעון: יוסף, מיין ברודער, זיי מיר מוחל!

יוסף: איך בין אייך מוחל און איך בין אייך אַפילו זעהר דאַנקבאַר, דען עס האָט מיר געפיהרט אין עגיפּטען צו מיין גליק, דאַרום ערגערט אייך ניט, דענקט ניט מעהר דאַראַן, מיר זענען ווידער אַלע צוזאַמען און גליקליך איבער גליקליך! מנשה, אֶפרים! טראָגט אַריין ווין וועלען מיר טרינקען צור געזונד פון אונזער אַלטען פאָטער! נור איך בעט אייך מיינע ברידער נישט מיט אַמאָל איבעררַאשען אונזער אַלטען פאָטער, עס זאָל איהם ניט שאַדען. דו בנימין וועסט זיין דער שליח (מען ברענגט וויין אלע נעמען בעכער).

בנימין: איך דאַנק דיר מיין ליעבער ברודער
איך דאַנק דיר פאַר דאָס שליחות
אַ אַ אַ מיינע ליעבע ברידער
מיר וועלען דעם פאָטער מיט די נאַכריכט ערפרייען
דאָ אין עגיפּטען לעבט יוסף
מיר וועלען דעם פאָטער מיט די נאַכריכט ערפרייען

יוסף: בעפאָר איהר געהט
ערקוויקט אייער הערץ מיט וויין

כאר: שטויסט אָן שטויסט אָן

יוסף: אַל רחום אַל רחום א. ז. וו.

פארהאנג פאלט.

פערוואנדלונג. (עפילאג)

(די בני יעקב טראגען זייער פאטער אויף א באלדאכאן)

יעקב: וואו זענען מיר איצט?

יהודה: מיר זענען איצט ניט וויים פון עגיפּטען, דאָ האָט אונז יוסף בעשטימט מיר זאָלען איהם ערוואַרטען, דאָ וויל ער דיר ענטקעגען קומען.

יעקב: יוסף!... יוסף וויל מיר ענטקעגען קומען!? מיין פֿערלוירען קינד מיין געליעבטעס קינד וויל מיר אַנטקעגען קומען?!.. איהם וועל איך באַלד אומאַרמען און צו מיין הערצען צודריקען?!.. אַ גאָט איז דאָס וואַהר?!!

בנימין: יאַ פֿאַטער! זאָ וואַהר ווי גאָט לעבט און ווי מיר שטעהען דאָ אַלע אַרום דיר... פֿאַס מוטה פֿאַטער! שטאַרק זיך... דער גרויסער הערשער פֿון עגיפּטען וועט באַלד צו דיינע פֿיעס ליעגען.

(מען הערט סיגנאַלען אגעוויש פון אנקומענדע מיליטער)

יוסף: (הינטער די קוליסען) וואו איז מיין פֿאַטער?! וואו איז ער?

יעקב: איז דאָס ניט זיין שטימע?

בנימין: יאַ, דאָס איז יוסף!

יוסף: (לויפט אריין מיט מנשה און אפרים און מיליטער) פֿאַטער! (אומארמונג)

יעקב: דו ביזט עס מיין קינד יוסף? דיך מיין פֿערלאָרען קינד האַלט איך ווידער אין מיינע אָרעמס?

יוסף: אָ הערצליך געליעבטער פֿאַטער! ווי פֿערענדערט דו ביסט! וויפֿיעל דו האָסט געמוזט ליידען?!

יעקב: דער איצטיגער מאָמענט בעצאָהלט מיר פֿאַר אַלעס, מיין קינד. מיין יוסף'ן האָב איך ווידער ביי מיר... דאָס איז שוין פֿאַר מיר גענוג. יעצט קען איך שוין שטאַרבען רוהיג.

יוסף: אָה ניין ליעבער פֿאַטער, לעבען זאָלסטו, לעבען נאָך פֿיעל גליקליכע יאָהר מיט מיר. דאָס זענען מיינע קינדער ליעבער פֿאַטער מנשה און אֶפרים. גיעב זיי דיין זעגען ליעבער פֿאַטער (יעקב בענטשט זיי) יעצט ליעבער פֿאַטער קום, דער קעניג פרעה האָט מיר געבעטען אַז באַלד ווי איהר וועט אָנקומען זאָל איך אייך פֿאַר איהם פֿאָרשטעלען. איך בין יעצט גרויס און מעכטיג איך בין דער הערשער איבער עגיפּטען.

יעקב: איז דאָס מעגליך? יוסף מיין קינד!

בנימין: יאַ ליעבער פֿאַטער עס איז אמת. (זינגט)

אַ קעניג לעבט אין עגיפּטען לאַנד
בעריהמט איז ער נאָך זיין פֿערשטאַנד
זיין נאָמען זעה איך טרעף געשווינד
דאָס איז יוסף דיין געטרייעס קינד.

יעקב: ערצעהל מיין קינד, ערצעהל מיין קינד. כאָר בים (יעקב זעצט זיך אריין אין באלראכאן מען הויבט איהם אויף און מיט פריידענס געשרייען טראגט מען איהם אוועק)

פֿאָרהאַנג פֿאַלט.

יעקב: יוסף!... יוסף וויל מיר ענטקעגען קומען!? מיין פערלוירען קינד מיין געליעבטעס קינד וויל מיר אנטקעגען קומען?!.. איהם וועל איך באלד אומארמען און צו מיין הערצען צודריקען?!.. א גאט איז דאס וואהר?!!

בנימין: יא פאטער! זא וואהר ווי גאט לעבט און ווי מיר שטעהען דא אלע ארום דיר... פאס מוטה גאטער! שטארק זיך... דער גרייסער הערשער פון עגיפטען וועט באלד צו דיינע פיעס ליעגען.

(מען הערט סיגנאלען אגנרוויש פון אנקומענדע מיליטער)

יוסף: (היינטער די קוליסען) וואו איז מיין פאטער?! וואו איז ער?

יעקב: איז דאס ניט זיין שטימע?

בנימין: יא, דאס איז יוסף!

יוסף: (לויפט אריין מיט מנשה און אפרים און מיליטער) פאטער! (אומארמונג)

יעקב: דו ביזט עס מיין קינד יוסף? דיך מיין פערלארען קינד האלט איך וויעדער אין מיינע ארעמס?

יוסף: א הערצליך געליעבטער פאטער! ווי פערענדערט דו ביסט! וויפיעל דו האסט געמוזט ליידען?!

יעקב: דער איצטיגער מאמענט בעצאהלט מיר פאר אלעס, מיין קינד. מיין יוסף׳ן האב איך וויעדער ביי מיר... דאס איז שוין פאר מיר גענוג. יעצט קען איך שוין שטארבען רוהיג.

יוסף: אה ניין ליעבער פאטער, לעבען זאלסטו, לעבען נאך פיעל גליקליכע יאהר מיט מיר. דאס זענען מיינע קינדער ליעבער פאטער מנשה און אפרים. גיעב זיי דיין זעגען ליעבער פאטער (יעקב בענטשט זיי) יעצט ליעבער פאטער קום, דער קעניג פרעה האט מיר געבעטען אז באלד ווי איהר וועט אנקומען זאל איך אייך פאר איהם פארשטעלען. איך בין יעצט גרויס און מעכטיג איך בין דער הערשער איבער עגיפטען.

יעקב: איז דאס מעגליך? יוסף מיין קינד!

בנימין: יא ליעבער פאטער עס איז אמת. (זינגט)
א קעניג לעבט אין עגיפטען לאנד
בעריהמט איז ער נאך זיין פערשטאנד
זיין נאמען זעה איך טרעף געשווינד
דאס איז יוסף דיין געטרייעס קינד.

יעקב: ערצעהל מיין קינד. ערצעהל מיין קינד. כאר בים

(יעקב זעצט זיך אריין אין באלדאכאן מען הייבט איהם אויף און מיט פריידענס געשרייען טראגט מען איהם אוועק)

פארהאנג פאלט.

Theater-Katalog AMKRAUT & FREUND, Buchhandlung, Przemyśl

פערשיעדענע

	K	h
אננא קארעניגא	—	70
אוריאל אקאסטא, לערנער	—	60
אבאלע אשכנזי	—	70
אידישער פריץ שמ״ר	—	50
איידיק שעפטיל, פינסקי	—	80
אייביגער יוד, הייערמאן	—	20
לאגעמיינער שטרייק, שטיפט	—	50
ארבייט און קאפיטאל	—	60
איטשע מאיר צו די וואהלען	—	20
אייביגע ליעד, ארנשטיין	—	40
אשמדאי, אנדרעיעוו	1	50
בר כוכבא, גאלדפאדען	—	60
באבע מיט׳ן אייניקעל	—	60
בחורים, איין אקטער, פון קאצענעלזאהן	—	45
בן הדור, הארוויטץ	—	70
בית דוד,	—	60
בוסתנאי, אויערבאך	—	60
בת שבע, א דראמא אין 5 אקטען טהורש	—	60
געבראכנע הערצער, ז. ליבין	—	70
גליק׳ס פערגעסענע, פינסקי	—	30
דער ליגנער קאמישע אפרעטע אין 4 אקטען פון א. גאלדפאדען	—	70
דער בטלן אלעבענס־בילד אין 4 אקטען פון ג. ראקאוו	—	70
דיא רויבער, שיללער	—	90
דר. אלמאסארא גאלדפאדען	—	60
דעקאדענט איין־אקטער, פון קאנצעלזאהן	—	45
דארא, שליפערשטיין	—	60
דוד אין דער וויסטע, עפעלבערג	—	60
דאס ברענענדע הויז	—	70
דער דאקטאר, שלום עליכם	—	30
די יודען, טשיריקאוו	—	80
די וועבער, הויפטמאן	—	80
דער שדכן, עפעלבערג	—	30
די עגונה, לערנער	—	70
דער הונגער, יושקעוויטש	—	70
די מוטער, שטיינבערג	—	70
דער גט, שלום עליכם	—	30
הערצעלע מיוחס, ריכטער	—	60
הדסה די חלוצה	—	70
זשידאווקא, לערנער	—	60

	K	h
ווילנער בעל הבית׳ל ארנשטיין	1	—
זשאן און מאגדלענא, מירבא	—	70
חפני ופנחס, שארקאווסקי	—	70
הנה׳לע די נעהערין	—	70
טאטע מאמעס צרות פון געבל	—	50
ישיבה בהור, גארדאן	—	70
יודישע אקטיארען אויף רייזע	—	45
כישוף־מאכערין, גאלדפאדען	—	60
כל נדרי, שארקאנסקי	—	70
א מענש זאל מען זיין.. שור	—	70
לעצטע השמונאים, וואהלמאן	—	70
משה סאלדאט פון מ. נ. שייקעוויטש	—	70
מאטי מלך דער סטאלער דראמע פון קארנבליט	—	70
מאן, אונטערן טיש	—	25
משה היט, ריכטער	—	60
מזל טוב, שלום עליכם	—	30
משיח׳ס צייטען, גאלדפאדען	—	60
נאכן שטרייק, טשורני	—	45
סאלאמעא, אואיילד	—	80
עקידת יצחק, גאלדפאדען	—	60
עתליהו, הארוויטץ	—	50
עזריה גבור היל	—	70
פאר טאג, וויטער	—	50
צווייעט און צושפרייט, שלום עליכם	—	80
צווייטער המן שמ״ר	—	70
קאספער, וויסענבערג	1	—
קאקעטטע דאמען, שמ״ר	—	60
קעניג אחשורוש, גאלדפאדען	—	60
קעניג הורדוס, לאגדוי	—	70
קבצענזאהן עט הונגערמאנן	—	60
קוני לעמעל, גאלדפאדען	—	60
רעפעטיציע, רייזען	—	20
רות, א דראמא אין 5 אקטען, טהורש	—	60
שושנה, א דראמא אין 5 אקטען טהורש	—	60
שולמית, גאלדפאדען	—	60

Theater-Katalog AMKRAUT & FREUND, Buchhandlung, Przemyśl

	K	h
שלום בית, ריכטער	—	60
שמענדריק, גאָלדפאַדען	—	40
שמע ישראל, דימאוו	—	70
שבת קודש, פיינמאַן	—	70
שטן אין גן עדן	—	70
בערעק יאָסעלאָוויטש	—	70
גאַברי און די פרויען, פינסקי	1	—
מיט זיענער פאַהנען, "	—	60
יענקיל דער שמיעד, "	1	40
יודישע נשמה	—	70

פערשיעדענע נייע ערשיענענע ביכער.

(פרייזע: קראָנען און העללער)

	K	h
סאקאלאוו'ס שריפטען	2	—
פרעה, אַ ראמאַן פון ב. פרוס	2	50
איוועטא, אַ ראמאַן פון ג. ד. מופאסאַן	1	15
דער רעדאַקטאר, ראמאַן פון קנוט האמסון	1	25
דער למד וואָו'ניק פון ש. כהן	—	90
דער צייטונגסשרייבער ראמאַן פון מ. סאַראַאָ	1	—
דער קרוינפרינץ, אַ ראמאַן פון מייער־פירשטער	1	—
מאמענט פאטאגראַפיעס מ. ספעקטאר	—	90
די גאָלד־מאכער, ערצעהלונג	—	40
די פערבלאָנזעטע, ערצעהלונג פון מ. ספעקטאר	1	25
דאס בוך און דער לעזער, אַ זאמעלבוך	1	25
דער עוויגער יוד, ראמאַן פון אייזשען סיי	2	50
שיילאָק, ערצעהלונג	—	25
קעניג ליר, ערצעהלונג	—	40
אין דאָרף, ערצעהלונג	1	90
ערצעהלונגען און בילדער פון י. מ. וויסענבערג	1	90
נאַרדוי'ס מעשה'לעך פאר יונג און אלט		5

אלע שריפטען
פון
מאָריס ראָזענפעלד
פאָעזיע און פּראָזא
פון דעם פּיעלבעקאַנטען און בעריהמטען
פאָלקס־דיכטער אין 6 בענדער.
יעדער באַנד אַ K 3.75

בעשטעללונגען ווערען נענען אַנגאַבע רעסט נאַכנאַהמע, פינקטליך עקספעדירט

אמקרויט און פריינד, בוכהאַנדלונג, פּשעמישל